STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04117

FIR EYLN ELNTKEYT

M. M. Shaffir

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מ. מ. שאַפּיר

פֿיר איילן עלנטקייט

מאָנטרעאָל, 1980

Printed in Canada

M. M. SHAFFIR

FEER AILN ELNTKAYT

(Four ells of Solitude)

POEMS

א הארציקן דאנק דעם מדרש־פֿארשער שמשון דונסקי פֿארן לייענען די קאָרעקטורן, און דעם מאָלער לוי מיהלשטאָק פֿאַר דער צייכענונג אויפֿן טעוועלע

גלאָסאַר — בײַם סוף.

א.

איטלעכס האַרץ

איטלעכס האַרץ פֿאַרמאָגט אַ טיר —
זוך, געפֿינסטו דעם וועג צו איר.

גיי נישט אַזוי ווי אַ פֿרעמדער פֿאַרבײַ —
בייג זיך אײַן און ערלעך זײַ.

עפֿן אויף, לאָז אַרײַן מיט זיך שײַן,
גוטע צוויי ווערטער שעפּטשע אַרײַן.

שטיל גיי אַרײַן, נאָך שטילער — אַרויס,
איטלעכס האַרץ איז גאָטס אַ הויז.

אַ זיבן־פֿליגלדיקער וווּנדער

אַ זיבן־פֿליגלדיקער וווּנדער
איז אויפֿגעגאַנגען צווישן מײַנע פֿינגער,
אַ צווײַג מיט זיבן בלעטלעך,
ווו־איטלעכס איז אַ צוויט פֿאַר זיך באַזונדער,

און מיניעט זיך מיט זיבנערליי קאָלירן;
נאָר אַז ס׳ע קומט די שעה פֿון זאָגן שירה,
איז ברענגען זיי זיך איינס צום אַנדערן צו פֿירן
און עפֿענען אַן איינציק סידור.

און כ׳בעט בײַ דעם, וואָס אויף די כמאַרעס רײַט ער:
פֿאַרגעס מיך נישט דאָ אין דער נידעריקסטער נידער —
באַשער מיר אַט אַזעלכע וווּנדערס אויך אויף ווײַטער.

כאָטש איך האַלט נאָך נישט דערבײַ

פֿון די הייכן הענגען ציכלעך,
און מע זעט גאָר נישט אויף וואָס.
סײַ ווי, איינס איז מיר געפֿעלן —
ס׳איז אין גאַנצן לויט מײַן מאָס.

אין אַזאַ מין ציכל־טלית
וויל איך אײַנוויקלען זיך פֿרום —
אַז כ׳על הערן, ווי מע רופֿט מיך:
משה־מרדכי סערדצע, קום.

אין אזא מין ציכל־טלית
איז נישטא קיין קלעמעניש —
איך פֿלי אום און קוק און גאפע,
אבער מיך זעט קיינער נישט.

מע ווערט מיינען, אז איך פֿויל שוין,
נאר איך פֿלי מיר אין דער פֿרײַ
כ׳וואלט דאס ציכל אנגעטאסטן,
כאטש איך האלט נאך נישט דערבײַ.

אזא טליתל, א ליכטיקס,
וויל איך פֿון דיר, גאטעניו —
אז כ׳על הערן, ווי מע זאגט מיר:
שאפּיר, מאך די אויגן צו.

איכ׳ל גערן זיי פֿארמאכן,
וואס וועל איך זיך שטעלן, וואס?
און ווער שמועסט, אז דאס ציכל
איז אין גאנצן לויט מײַן מאס.

און כ׳על באלד דערזען די שטערן,
און דערהערן פֿייגעלעך —
זיי׳לן אייביק מיך דערמאנען,
אז איך בין פֿון דיכטערצעך.

שטערן, פֿייגעלעך און ווינטלעך —
ווײַל דאס הארץ איז שווער ווי בלײַ.
גיב מיר, גאט, אזא מין ציכל,
כאטש איך האלט נאך נישט דערבײַ.

ווער ס׳האָט באַשאַפֿן דאָס ליכט

ווער ס׳האָט באַשאַפֿן דאָס ליכט, האָט באַשאַפֿן דעם שאָטן —
אַפֿשר דערפֿאַר איז די אַרבעט אַזוי אים געראָטן.

ווער ס׳האָט באַשאַפֿן די פֿרייד, האָט באַשאַפֿן דעם טרויער —
איינס אויף ס׳אַנדערע טשאַטעוועט אייביק און לויערט.

איך האָב גערישעט אַ פֿידל, וואָס זינגט און וואָס קלאָגט זיך —
קומען די ווערטער אַרויס פֿון מײַן מויל נישט־דערזאָגטע.

רעד איך דערפֿאַר אין דער שטיל — וואָס איז דאָ זיך צו גרייסן? —
שטיל, ווי סע האָבן מיר שטיל טאַטע־מאַמע געהייסן.

לוי מיהלשטאַק

א.

פֿון דער טומלדיקער גאַס
פֿירן טרעפּ אַרויף צו דיר.
אויף דער העכסטער שטייט אַ פּניאַק
און פֿאַרשטעלט כּמעט די טיר.

אויפֿן פּניאַק, פֿרי אײַן פֿרי אויס,
שפּײַזסטו פֿייגעלעך מיט ברויט —
און זיי וואַרטן שוין אויף דיר
פֿון פֿאַר טאָג נאָך, אויף אַ פּלויט.

און ווי נאַר זיי זעען דיך,
ווערט אַ גרויס געפּישטשערײַ —
מע באַפֿאַלט דיך ליבלעכדיק —
עמעץ קוקט זיך צו דערבײַ.

ווער איז דער, וואָס קוקט זיך צו?
דאַכט זיך, סאַנקט פֿראַנציסק אַליין;
אָבער נאָר די פֿייגעלעך
זעען אים פֿון נאָענטנס שטיין.

ב.

אויף דער קאַנווע פֿון דײַן בילד
דרימלט גאָטס באַשעפֿעניש:
טויבן, ציגן, קעלבעלעך —
נאָר קיין מענטשן זעט מען ניש ט.

יאָ, מע זעט דאָס פֿרויענלײַב
אין זײַן געטלעכער געשטאַלט —
אַלצדינג נעמט אַ רייף אַרום,
וואָס איז איידל און אַסטראַל.

אָפֿטלעך הערט מען אַ געוויג —
אַלע קומען שטיל אַרויס
פֿון דער קאַנווע — און אַוועק
אין די ווינקלען פֿונעם הויז.

ווערט דערפֿון אַ שושקערײַ,
הערט מען וואָרקעניש בײַ דיר —
און דער אורח, סאַנקט פֿראַנציסק,
שטייט און שמייכלט אין דער טיר.

ג.

בבֿלס מויערן — אָרום
דײַן באַשיידענעם פּאַליי —
לעצטע בלאָען אין דער הייך
אײַנצושלינגען קומען זיי.

ווי אַנטרינט מען עס, וווּהין —
פֿון אַזאַ באַדרענגעניש?
איינער נעמט די פּען אין האַנט,
איינער גייט צום צייכנטיש.

אַך, וואָס ס׳טוט זיך אויף דער וועלט!
ס׳טוט דאָס הארץ מסוכּן וויי.
גיי פֿאַרהאַלט אַ וויסט געוויך —
מיט אַ הייזעריק געשריי.

מע פֿאַרלעשט די שטערן באַלד,
גאָט האָט זיך אומזיסט געמיט.
וואָס זשע טרײַבט עס דיך צום פּענדזל,
און דעם דיכטער צו זײַן ליד? . . .

ווער דאַרף מיך דאָ?

ווער דאַרף מיך דאָ, ווען מען פֿעל איך דאָ אויס?
כ'האָב אַרומגעשלייכט, ווי די וועלט איז גרויס —

פֿון לאַנד צו לאַנד, און געזאָגט ווער איך בין:
אַ בעטלער מיט אַ פֿידעלע דין —

איך וויל, איר זאָלט הערן, ווי כ'שפּיל אויס מײַן צער —
איך מאָן נישט בײַ אײַך קיין גראָשן דערפֿאַר.

האָט איינער געזאָגט: קום מאָרגן, נישט הײַנט —
איך האָב הײַנט בײַ זיך אַ געזעמל מיט פֿרײַנד —

צו וואָס זיך פֿאַרשטערן דעם נחת, וואָס מ'האָט
בשעת מע זיצט און מע רעדט פֿון גאָט,

פֿון גאָט און פֿון גײַסט — בײַ געדעקטע טיש —
קיין דערהויבענערס ווייסט דאָך די וועלט נאָך נישט.

און אַלע, ווי איינער, פּאַטאַקעווען פֿײַן:
פֿון גײַסט און פֿון גאָט — וואָס קען בילכערס נאָך זײַן?

בין איך ווײַטער אַוועק מיט מײַן פֿידעלע דין
פֿון לאַנד צו לאַנד, צו דערציילן ווער כ'בין:

אַ בעטלער מיט אַ פֿידעלע בלאָ
וואָס ער האָט די שטילע, פֿאַרנאַכטיקע שעה,

די דממה־דקה נאָך שקיעה־שײַן
פֿאַרנאַרט אין זײַן לידער־טאָרבע אַרײַן

כ'בין אַוועק, ווי געקומען, פֿאַרלוירן און מיד —
אין דער האַנט אַן אָפּגעפּליקט בלימל, וואָס בליט.

כ'האָב עס טוליען גענומען, געפּרעסט צו דער ליב,
און כ'האָב אים געשאָנקען אַ קוש און אַ כליפּ.

ביים טאַטנס קבֿר

דער שטח צווישן מיר
און די טעג פֿון דײַנע יאָרן
שרומפּט אײַן אַלץ מער און מער,
און ווערט ווי אײַנגעחלומט.

דײַן קבֿר, דאַכט זיך, וואַרט,
ווי ר'זאָל מיר גיין אַקעגן —
איך נענטער זיך צו דיר.
אויך דו צו מיר קומסט נענטער.

האָסט נישט געהאַט דעם זכות
צו זײַן אין לאַנד ישׂראל
ביים לעבן — נאָר די ערד
נעמט דיך אַרום דאָרט. איצטער.

די ערד איז דאָרט דערפֿאַר
אַצינד מיר טאָפּל טײַער,
בפֿרט דו ליגסט בײַנאַנד
מיט זעלנערם יונג פֿאַרשניטענע.

איך דראַפּע זיך צו דיר
אויף קלאַנגען פֿון דײַן ניגון
און פֿרנעם נוסח-גאַנג
בײַ דײַן שטילן תּהילים-זאָגן.

אוי, למה אדוני,
וואָס שטייסטו פֿון דער ווײַטנס?
באַהאַלט זיך נישט פֿאַר אונדז
אין אונדזערע עת־צרהס.

איך קום, כ'אַנטרין צו דיר,
און קען דיך נישט דערגרייכן,
ווײַל מײַן אמונה איז,
ווײ מיר, אַ שיבֿרי־כּלי.

איך דראַפּע זיך צו דיר
אויף אַ צעפּליקטער לייטער —
מיך האַלט נאָר אין געוויך
די שיף פֿון מײַן זכּרון.

איך זוך, ווי אין דער בלינד,
די ערד פֿון דײַן בטחון,
און איך געפֿין זי נישט —
נאָר בלויז דײַן שיינע פּשטות.

איך וואַגל פּאַזע שטעט
מיט בבֿלדיקע טורעמס;
דו האַלטסט מיך בײַ דער האַנט —
אַ בלאָנדזשער אין זאַווייען.

אַן אַנדערער

אַן אַנדערער שטרעקט די האַנט נאָך אַ מעסער,
די ליידן צו צאַמען.
איך — כליפּע מיט שטראַמען און גראַמען.

אַן אַנדערן ציט, אויף צו לעשן דעם ווייטיק,
צום דנאָ פון די ימען.
איך — כליפּע מיט שטראַמען און גראַמען.

אַן אַנדערער מישט, אַ ווונד זיך צו היילן,
אַ בעכער מיט סמען.
איך — כליפּע מיט שטראַמען און גראַמען.

אַן אַנדערער רײַסט זיך דאָס אייגענע לײַב
מיט אײַזערנע קאַמען.
איך — כליפּע מיט שטראַמען און גראַמען.

נאָר ס'ווערט מיר נישט גרינגער אַפילו אַ האָר,
די פּײַן, וואָס אונטער די שראַמען —
פון אַלע שטראַמען און גראַמען.

אַ מוזע

אַ, מוזע, טרײַב מיך נישט, אַנטװײַן מיך נאָך נישט
דאָס האַרץ איז מיר נאָך קראַנק און אײַנגעבראָכן.

האָסט מיר אַ מאָל דערציילט פֿון זיבן פֿידלען —
קיין איינעם האָב איך נישט פֿאַר מײַנע לידער.

איך כריפּע זיי ווי בעטלערס אויף די מאַרקן,
און מאַן דערפֿאַר אַ קאָפּיקע, אַ קאַרגע.

האָסט מיר דערציילט פֿון זיבן זילבערפֿלייטן —
איך הער זיי נישט אין מײַנע עלנטקייטן.

בלויז איינע האָט אַ מאָל דערלאַנגט אַ פֿלאַטער
אַ רגע, און געבליבן שטיל, פֿאַרמאַטערט . . .

כ׳בין נאָכגעלאָפֿן בעטלערס אין די הויפֿן —
געוואָלט בײַ זיי אַ קאַטערינקע קויפֿן.

באַטראַכטן זיי מיך און זיי לאַכן פֿון מיר,
און מער ווי פֿריִער שווערער ווערט מײַן אומעט.

איך האָב קיין קול שוין נישט און נישט קיין כלים —
אַ, מוזע, וועמען זאָל איך עס דערציילן?

דו האָסט אַ מאָל מיר צוגעזאָגט אַזוי פֿיל,
און הייסט מיר איצט, איך זאָל פֿון דיר אַנטלויפֿן . . .

דער רעגן האָט שוין אָפּגערעגנט

דער רעגן האָט שוין אָפּגערעגנט,
ס'איז ווידער שטילבלעך אויף די וועגן.
ווי לאַנג די שטילבלעכקייט וועט ציִען,
וועל איך מײַן בענקשאַפֿט לאָזן בליִען.

אַ קלאַנג קומט אויף אַ קלאַנג צו רײַטן,
אַ ווינטל וואַשט מיר אוים די ווײַטן —
כ'זאָל קענען הערן און באַנעמען,
צי דאָס וואָס כ'האָב געהערט, איז אמת.

איך וואָלט אַליין געלאָזט זיך שפּאַנען,
און איך וואָלט אפֿשר אויך דערגאַנגען
צוריק צו יענע שטילע ערטער,
ווו אויך די סאַמע קליגסטע ווערטער

פֿאַרמאָגן נישט קיין האַפֿט, קיין וואָג נישט —
און נאָר די טרער קען קוים דערזאָגן
דאָס, וואָס סע ליגט טיף אין די ריפּן,
און אויף די הייסע, שטאַרע ליפּן.

נאָר כ'בין אַ זינדיקע נשמה.
מײַן טרער איז אויכעט אפֿשר טמא.
און ס'בינטל מײַנע מיצוות דאַרע
וועט דאַרט נישט קענען קיינעם נאַרן.

מײַן קול וועט אויסזיפֿצן פֿאַרמאַטערט:
„איך ווייס, איך האָב די טעג געפּטרט
מיט נאַרנישטיקע נישטיקייטן —"
און כ'וועל די מידע הענט צעשפּרייטן . . .

אַ מאָל, אוי, אַ מאָל

ווּ ווינט דאָ די לידער־מוזע, ווּ?
זי צאַפּט מיר דאָס בלוט פֿונעם האַרץ, און די רו.

אַ מאָל, אוי, אַ מאָל האָב איך גרינג זיך דערפֿרעגט,
נאָר איצט איז צון איר אַ פֿאַרדרייטער דער וועג.

איך וויל זיך צעחשבונען מיט איר; שוין צײַט —
דאָס ווײַטע ווערט נאָענט, דאָס נאָענטע — ווײַט.

איך בלאָנדזשע, איך שטרויכל, איך פֿאַל פֿון די פֿיס —
דער וועג, וואָס כ׳געדענק, איז צעלאָמעט, פֿאַרוויסט.

כ׳האָב קוים זי דערזען, מיט אַ טרער אין אויג:
דער לידער־האַרמידער — וואָס האָט מיר געטויגט?

וואָס האָב איך דאָ אויפֿגעטון, זאָג עס מיר, זאָג.
אַ שוועלבלס אַ פּישטש האָט דאָך מערער די וואָג.

מ׳עט אַנגרעמלען מײַנע געזאַנגען אין גאָלד?
נישט דאָס, אָבער, האָב איך דאָך, מוזע, געוואָלט.

און מ׳עט זיי צעהענגען אויף הויך־הויכע ווענט?
ניין, אַסור, צי האָב איך דערפֿאַר דיך דערקענט.

צי האָב איך דערפֿאַר זיך געצויגן צו דיר
און יאָרן געשמאַכט ווי אַ הונט ביי דיין טיר?

„ביים וואַלדטויער שטייט אַ צעפּלאָשעטס דאָס פֿערד
פּעגאַז, און וויל זיך אַ הייב טון פֿון דר׳ערד

און פֿליִען מיט דיר ווּ די וועלט האָט אַן עק —
צו ליכטיקע פֿריידן, צו ליבקייט אַן ברעג.״

האָב איך דיר געגלייבט, אין מיין גרוים געגאַר —
— ווי קען עס גאָר זיין, אַז אַ מוזע גענאַרט?

וואָס האָב איך געוואָלט מיט מיין ליד? מערנישט בלויז
מיט ערלעכע באַלקנס זיך בויען אַ הויז,

אַ וויים, און ביים וועג, אַז זען זאָלן לייט,
וואָס וואָגלען מידע פון ערגעץ וויים,

אַז דאָ איז אַ גאַסטפעדע, אייגנס פֿאַר זיי,
אויף איבערצושלאָפֿן אַ נאַכט, אָדער צוויי.

אויף אונטערצולענען דאָס האַרץ, וואָס שמאַכט,
און זען די וואָר אין חלום-געדאַכט.

דאָס פֿערד איז געפֿלויגן מיט פֿליגל און פֿיס,
און וויימן און הייכן דורכגעשפּיזט —

אוועק פֿון דער ערד און איר לײדיקייט —
אַהין, ווּ סע אייביקט די ליכטיקע פֿרייד.

וואָס וויימער געשען איז — געדענק איך נישט קלאָר —
אַ בליץ האָט צעפֿליקט די פֿליגלפאַר.

אַ בליץ פֿונעם הימל? אַ דונער? גאָר ניין!
אין טאָל האָבן שווערדן געקריצט מיט די ציין,

געפֿאָכעט, געצישעט, געלעכערט די הייך —
און איינע האָט מיך און מיין פֿערד דערגרייכט.

געמיינט, מיך וועט געמען דאָס פֿערד צון אַ ברעג,
וואָס ווייסט פֿון קיין פּחדים נישט און פֿון קיין שרעק;

געמיינט, ס'וועט דערפֿליִען מײַן זעגל, מײַן ליד,
אַהין, ווו מײַן בענקעניש פֿלאַטערט און פֿליט.

איצט ליגט אַ צעשמעטערטס אויף פֿעלדזיקע ווענט
מײַן לידשיף, געשניצט מיט די אייגענע הענט.

די וויספּע איז וויסט און דער טרויער רינט
ווי אייביקער רעגן דורך נעפּל־געשפּין.

„די לידער, פֿאַרשטיי מיך, האָט גאָט דיר געשענקט,
ווײַל דו האָסט צו זיי דורך דורות געבענקט.

נישט שייך, זאָלסט זײַן געפֿאַלן בײַ זיך,
נישט שייך — פֿאַרריסן און זידלען מיך.

דאָס האָט דיך נאָך עמעץ מיט דורות צוריק
פֿאַרשאָלטן און אויכעט געבענטשט און באַגליקט.

איך בין נאָר דער צינור געווען, די רער,
פֿאַרן ריטשקעלע לידער פֿון ערגעץ — אַהער.

ס'וועט קומען די צײַט, וועט דײַן אָטעם זײַן מיד,
וועט דעמאָלט זיך לעשן אין דיר דײַן ליד —

אַזוי ווי סע לעשט זיך אַ ליכטלם פֿלאַם
און זינקט אין פֿאַרהוילענעם צײַטן־ים.

אַהין וועט אויך זינקען דײַן לײַד מיט דײַן פֿרייד,
ווײַל אַלץ, וואָס סע לעבט אויף גאָטס ערד, פֿאַרגייט.

וואָס פֿאַרט בלײַבט אויף אייביק? דער אייביקער סוד —
אָט דאָס, וואָס מע ווייסט נישט וואָס ס'איז, און ס'איז גאָט."

„פֿאַרשווינד נישט, מוזע, איך נעם דיך אַרום,
כ'וויל אויסגיין בײַ דיר אין די אָרעמס — קום."

איַ, ווען כ׳האָב אַ נתן העזתי

איַ, ווען כ׳האָב אַ נתן העזתי —
אַז ער זאָל מײַן נאָמען לאָזן הערן
ביז אַפילו אין די ווײַטסטע אינדזולען —
אַז ס׳איז אויפגעגאַן אַ נײַער שטערן.

ער זאָל וועגן מיר צעשיקן בריוולעך:
זאָל די וועלט מיט די אָרומען וויסן,
אַז איך שרײַב די ווונדערלעכסטע לידער,
פולע מיט חידושים און מיט ניסים . . .

זינט די וועלט באַשטייט און פון נאָך פריִער,
האָט מען נאָך אַזוינס גאָר נישט פאַרנומען.
זאָל מען גיכער שפּאַנען פערד־און־וואָגן,
און מע זאָל דעם נס באַטראַכטן קומען.

אָט אַזוי זאָל דער עזתי שרײַבן
וועגן מיר און וועגן מײַנע לידער —
כ׳זאָל נישט דאַרפן לעבן ווי קיין פרעמדער
צווישן מײַנע מיליאָנען ברידער.

כ׳זאָל נישט דאַרפן אויסגיין ווי אַ ליכטל
אין אַ ווינקל, וווּ מיך זעט נישט קיינער,
און די טרערן מײַנע פאַלן שווערע,
ווי פון אַ יום־כּיפּור־ליכט, אַ ריינעם.

אײַ, װען כ׳האָב אַ נתן העזתי —
ער זאָל זײַן דער שדכן, דער געטרײַער,
און פֿון לאַנד צו לאַנד מײַן נאָמען טראָגן,
און זאָל פֿאַר מיר רעדן, פֿאַר מיר שרײַען.

איך אַליין, דעם קאָפּ אין בלאָע װאָלקנס,
אין אַ בלאָער קאָלדרע אײַנגעװיקלט —
פּאַסט עס דען פֿאַר מיר, אַז איך זאָל שרײַען?
איידל איז מײַן קול און דין געציקלט.

זאָל ער זיך פֿאַר מיר דעם גאָרגל רײַסן —
אָבער כ׳װעל אים גאָרנישט קענען צאָלן,
אַז אַפֿילו ס׳װעט שוין מיט מיר קלינגען
און די מילן װעלן נעמען מאָלן . . .

איך פֿאַרמאָג בײַ נאַכט דעם הימל שטערן,
און כּלי־זמרימלעך — אין די פֿאַרטאָגן.
כ׳װײס נישט פֿון קיין אַנדערע פֿאַרמעגנס,
און צו װאָס איך דאַרף זײ גאָר פֿאַרמאָגן.

זאָל ער זיך, מײַן העזתי קלױבן
אוצרות, און זאָל זײ געזונט פֿאַרניצן,
און זאָל מיך נישט טשעפּען — איך װיל װײַטער
אויף מײַן שטילער לידער־בראָכשטול זיצן.

אײַ, װען כ׳האָב אַ נתן העזתי! . . .

צו דער מוזע

איך האָב די שטילסטע ווערטער אויסגעקליבן,
וואָס אין די שפּאַלטן פֿון מײַן ערלעך האַרץ,
געטונקען זיי אין טרערן, און געשריבן:
„אָן דיר בין איך אַ ביימל, אַ פֿאַרדאַרטס.

אַ נאַכט אָן דיר איז ווי אַ נאַכט אָן שטערן,
דער טויט איז בעסער איידער אַזאַ נאַכט.
איך זאָג דיר מיט מײַן בלוט און מײַנע טרערן:
איך האָב דיך ליב, כאָטש דו ביסט אויסגעטראַכט.

פֿון אונדזער ליבשאַפֿט — וואָס איז מיר געבליבן?
אַ הײַפֿל שטראַל־מטבעות, — ריר זיך צו —
פֿאַרשווינדט עס, ווײַל איך האָב עס נישט געקליבן,
נאָר ס׳קומט צו מיר — דער טײַוול ווייסט פֿון וווּ.

פֿאַרגעס זי, פּונקט ווי זי האָט דיך פֿאַרגעסן —
מיך עצהן גוטע־פֿרײַנד, און ס׳טוט מיר וויי.
איך האָב דיך אָבער אַלץ נאָך ליב פֿון דעסן,
און מײַנע גוטע־פֿרײַנד — איך לאַך פֿון זיי.

דער הימל — אַ באַשריבענע יריעה

דער הימל — אַ באַשריבענע יריעה,
איז הייליק אויפֿגעוויקלט איבער מיר.
אַ בענקעניש הייבט אָן אין מיר צו בליִען,
און שטיל פֿאַרמאַך איך הינטער מיר די טיר — — — —

ווער ציט מיך? אפשר איז עס א רוסאלקע,
צי אפשר גאר א שדעכע — ווער ווייסט?
נאר איך פלעג זען די שטערן דורך די באלקנס,
און איך האב נישט געזען דערין קיין בייזס.

איך פלעג צון איר ארויסגיין האלבע-נאכט-צייט,
געקענט דעם וועג אפילו בלינדערהייט —
א גארטן אויף אן אינדזל, א פארטראכטן,
און אויפן ברעג א דינע סטעזשקע גייט.

א מאל האט עמעץ פונעם טייך געוווּנקען
און האט מיר צוגעזאגט די גאנצע וועלט,
האב איך געטראכט: כדאי זיך אונטערטונקען
און אויפן דנא זיך בויען א געצעלט.

דער טייך, ווי אלע טייכן, שושקעט מעשׂות,
און ס׳ציטערן די כוואליעס ביי דערביי,
און ביי די שטאמען פון די ברעזעס ווייסע
פארגייען זיי זיך אין א כליפערייַ.

איך ווער נישט מיד, די מעשׂות אויסצוהערן —
זיין עדות איז פאר נאכט דאס שטילע ליכט,
ביי נאכט — דער הימל, וואס איז אויסגעשטערנט,
און אלע שאטנס, וואס באהאלטן זיך.

די שטערן-העסעס האבן זיך געבויגן
אראפ צו צו, ווי ס׳פאסט פאר דער מינוט,
און ביידע, מיט אראפגעלאזטע אויגן,
פארשטאנען האבן מיר: אזוי איז גוט.

„מיר וועלן גיין אַ גאַנצן טאָג שפּאַצירן,
און לײַטן קוקן, און זיי וועלן זען:
אונדז דאַרף מען שוין נישט צו דער חופּה פֿירן —
אַזאַ פֿאַרליבטקייט איז נאָך נישט געווען . . ."

כ'האָב נישט געדאַכט קיין וואָרט פֿאַר טאַטע־מאַמע.
זיי וועלן נאָך מיר וויינען ביז אַ צײַט.
נאָר כ'פֿלעג זיי טרייסטן אין אַ בריוו מיט גראַמען,
אַז איך בין דאָ, כאָטש איך בין זייער ווײַט.

אין חומש שטייט: אַ מאַן זאָל זיך באַווײַבן,
פֿאַרלאָזן טאַטע־מאַמע בײַ זײַן לעבן.
איך פֿלעג זיי איידלע לידערבריוולעך שרײַבן —
געשריבן און געחתמעט בלאָ אויף ווײַס.

דאָס אָרט געדענק איך איצטער נאָר אין חלום.
דערוואַך איך, זע איך, ווי סע שווימט אַוועק
דער אינדזל־גאָרטן, וואָס זי'ט מיר געמאָלן,
די אויסגעטראַכטע סטעזשקע אויפֿן ברעג.

כ'האָב דאָרט, אין לידערנעצן, אין צעפּליקטע,
געכאַפּט געשפּאָלטענע און האַלבע פֿיש.
אָן איינציק גאָלדן פֿישל, מוזע, שיק מיר,
און מער דיך בעטן וועל איך גאָרנישט נישט.

אָן איינציקס כאָטש, אַז איך זאָל קענען טענהן,
אַז נישט אין גאַנצן האָסטו מיר גענאַרט.
אין ווײַטע הייכן שטערן־ליסקעס שײַנען,
און כ'שטיי שוין באַלד אַ לעבן לאַנג און וואַרט . . .

איך טויג מיך נישט צו סוחרעריי

איך קען נישט קלאפן מיט דער צונג
און „רעדן קלארע ווערטער".
כ'האב ליב צו רעדן אין דער שטיל
און זוכן שטילע ערטער.

איך טויג מיך נישט צו סוחרעריי,
צו וואס זשע קען איך טויגן?
איך צערטל וואלקנלעמעלעך —
מיט ציטער אין די אויגן.

זיי שוועבן אן פון ערגעץ ווו
ביז איבער מיינע שויבן,
און בלייבן רוען אויף מיין דאך —
איך זאל דעם בורא לויבן.

די שריפה, וואס פארלענדט די וועלט,
האט מיך ביז איצט געמיטן —
נאר לייד איז טיף ביי מיר אין לייב
און אין מיין ליד פארשניטן.

איך טויג מיך נישט צו סוחרעריי.
רווחים גין איך יענעם.
פיר איילן שטיל אין מיר געגנוג —
און ס'זאל א ליכטל ברענען.

ביים ליכטל זיפ איך ווערטערזאמד —
א גאלדן זעמדל גאר איך,
אן איינציק ווארט, אן ערלעכדיקס,
וואס זאל מיך נישט געגארן.

איך שטיי ביז קני אין ווערטערזאמד,
איך פֿאָכע מיט די לונגען.
וואָס מער איך וויל ארויס דערפֿון,
אַלץ ווער איך מער פֿארזונקען.

דאָס זאמד פֿאַרפּראַשעט מיר דאָס אויג
און אויך די צונג, דעם גומען —
איך קען אַפֿילו נישט קיין שאַרך
פֿון זיך ארויסבאַקומען.

דאָס מאַניעניש איז צוקער זיס,
די אָפּגענאַרטקייט — גאַליק.
כ׳בין שיר נישט פֿון דער מאַטערניש
אין תּהום אַרײַנגעפאַלן.

נישט איין מאָל דאַכט: אָט האָב איך עס!
כ׳ווער ממש אויפֿגעפלאַטערט —
נאָר ווידער האָט דער בלישטש געגאַרט,
און גרעסער ווערט די מאַטער.

יאָ, טייל מאָל דאַכט זיך: ס׳איז בײַם גאַנג,
כ׳האָב עפּעס פֿאַרט דערדליבעט, —
נאָר פּלוצעם אָבער כאַפּ איך זיך:
די מי ז׳געגאַן לאיבוד.

אַזוי פֿאַרשענק איך מײַנע יאָר
דער האַרציקער נישט-גוטער,
וואָס אָט איז זי אַ שדעכע,
און אָט איז זי אַ מוטער.

דער בעל-מצליח קוקט אויף מיר —
ער וואָלט מיך אַזש צעריסן.
וואָס איז ער עס אַזוי אין כּעס
אויף מיר? — כ'וואָלט וועלן וויסן.

איך נעם נישט גאָרנישט צו בײַ אים,
איך טרינק נישט פֿון זײַן ברונעם.
אַכיבע ער פֿאַרשטייט, אַז טיף
אין האַרצן לאַך איך פֿון אים.

ווּהין זשע קער זײַן כּעס אויף מיר,
די אש-להבֿה זײַנע?
גיי טענה צון אַ גראָבן קאָפּ,
אַ ליידיקן — גיי טענה.

די תּאווה נאָך געמיטלעכקייט
האָט מיך נאָך נישט פֿאַרשוואַנקען.
כ'האָב ליב די סאַמעטענע בריסט,
אַנטבלויזטע, פֿון דער לאַנקע.

פֿון וואַקסענעם, געשמינקטן טאַנד
אַנטלויף איך פֿײַל פֿון בויגן.
איך שטיי פֿאַר שיינער ערלעכקייט
דעם קאָפּ אַראָפּגעבויגן.

איך קען נישט קלאַפּן מיט דער צונג,
און „רעדן קלאָרע ווערטער".
כ'האָב ליב צו רעדן אין דער שטיל
און זוכן שטילע ערטער.

פֿאַראַן נאָך

דאָס דאַרף טוט מיר אַן אַ היטל פֿון מאָך,
און אַ מלבוש פֿון ווערבענער קאָרע.
דאָ ווערט אַ מאָל שבת אין מיטן דער וואָך,
ווײַל אַן עפּל איז צײַטיק געוואָרן.

אַזוי ווי סע פֿרייט זיך אַ צווייג פֿון אַ בוים,
אַז סע ווערט אויף אים צײַטיק אַ פּרי,
אַזוי הייב איך אויף צו דער רחבֿות אין רוים
מײַנע אָרעמס — מיט פֿריידיקע טרערן.

נישטאָ אויף דער וועלט קיין הייליקערס,
ווי אַז עפּעס גוטס ווערט באַשאַפֿן.
זאָל עס טוליען צום האַרץ ווער סע וויל, און ווער
סע וויל נישט, דאַרף נישט גאַפֿן.

פֿאַראַן נאָך אַ ווינטל בײַ גאָט אין די הענט,
וואָס קומט צו דער רגע געפֿלויגן
און שלײַכט זיך אַרײַן דורך אַ שפּאַלט אין די ווענט —
צו טריקענען מיר די אויגן.

פֿאַראַן נאָך וואָלקנדלעך איבער מײַן דאַך,
ווי פֿריש געפֿאַלענע שנייען —
שוין וויפֿל גזרן בטל געמאַכט,
ווען כ'האָב זיך געוואַלגערט אין ווייען.

פֿאַראַן נאָך ווינטלעך, און וואָלקנדלעך אויך,
וואָס קניפּן פֿאָדעם צו פֿאָדעם,
און ברענגען פֿון ערגעץ ווײַט און הויך
אַ ליבלעכן אָטעם.

ב.

כ׳וואָלט וועלן

כ׳וואָלט וועלן, דאָס האַרץ פֿון דער וועלט
זאָל אַ שמייכל טון צו מיר —
אויף אַן אמת, אין דער וואָך.

איך וואָלט אָוועק צו דער וועלט,
אַרומצונעמען זי גרייט —
געוואָגלט טאָג און נאַכט —

איז די וועלט אַזוי ריזעדיק גרויס
און איז אָנגעשטויסן אויף מיר —
איך זע עס, און נישט נאָר מיר דאַכט.

בין איך אין אַ חלום אָוועק,
וואָס נעמט מיך אַרײַן צו זיך,
אַן גרענעץ און אַן אַ דאַך.

כ׳דאַרף דאָרט זיך נישט ברעכן די צונג,
נישט ווײַזן, אַז איך בין גערעכט —
איך דאַרף דאָרט כמעט נישט קיין שפּראַך.

איך שטיי דאָרט און קוק זיך אַרום
אויף לאַנקעס, וואָס כ׳האָב זיי געאַרבעט
זינט דורות אַ סך.

זייגערס

אַ וואַנטזייגער מיט פֿליגל צוויי
פֿאַראַן איז ביי שאַגאַלן.
אַ זייגערל, וואָס רינט, ווי הייסער וואַקס —
ביי סאַלוואַטאָרע דאַלין .

לויט איינעם פֿליט די צייט,
און לויט אַ צווייטן רינט זי.
זי שלינגט אונדז סיי ווי איין ווי אין אַ תהום,
דערנאָך פֿאַרשווינדט זי.

די ליבשאַפֿט שרעקט זיך נישט פֿאַר איר,
זי קען מען נישט פֿאַרשלינגען —
ווי אייביקדיקע כוואַליעס קייקלט זי זיך שטיל,
ווי אין אַ טייך, פֿאַר טאָג, די וואַסעררינגען.

די שלאַכטן שלינגט זי, נאָר זיי קומען קריק אַפֿיר,
די צווישנפֿעלקערלעכע הרגערייען.
נישטאָ צו מאָל צו וועמען ציען זיך נאָך הילף,
צו וועמען שרייען.

דער זייגער מעסט די צייט . . .
גיי צייל די טראָפּנס אינעם ים־אוקיינוס.
די צייט צעווילדערט מיט איר שטאָרן, בלינדן בליק,
דער ים ווערט דול און שפּייט אונדז גאַל אין פּנים.

מײַן זײגער איז מײַן האַרץ.
כ׳האָב אים געטאַסקעט צו די גרעסטע אָרלאָגיסטן:
צי קענען זײ פֿאַרריכטן זײַן געװערק,
און מיט אַ ביסל װײס־איך־װאָס די שרײַפֿעלעך טשיסטען —

ער זאָל נישט סקריפּען דורך די נעכט,
און דורך די טעג נישט טערעבעבקען
אַזאַ מוזיק קען ברענגען פֿון דער װעלט,
דעם שטאַרקסטן מענטשן קען זי איבערברעכן.

כ׳בין אױסגעװען
בײַ זײגער־מאַכערס כּל־המינים.
נאָר ז׳האָבן בלױז אַ קוק געטון אױף מיר —
און אָנגעשטעלט די טרױעריקסטע מינעס.

דער זײגער פֿון מײַן האַרץ איז שװער,
ער רינט נישט און ער קען נישט פֿלײַען.
ער הױערט װי אַ קרעמען אױף אַ װיסטן באַרג,
אַז װינטן זאָלן אים אײביק קאַטעװען און בריען.

װער זאָגט עס, אַז דער זײגער רינט,
צי אַז די צײַט האָט פֿליגל?
דער זײגער פֿון מײַן האַרץ איז שװער װי בלײַ,
און איז פֿאַרמישפּט: הפֿקר פֿאַר די װינטן ליגן.

די מומע העניע

א קרובֿ „אַן בויכווייטיק" — ווייסט איר, וואָס ס'איז.
נו, איך האָב געהאַט אַזאַ מומע.
אין „ערשטן וועלטקריג" איז זי צון אונדז
פֿון גאַליציע ערגעץ געקומען.

געקומען אַ ייִד, אַ פֿעטער וואָלף,
און געקומען אַ מומע העניע —
אַנטלאָפֿן קיין בוקעווינע, צון אונדז,
אַנטלאָפֿן כּל־זמן מע קען נאָך.

די פֿעלקער ראַיסן זיך ביי די העלדז,
און ייִדן — פֿאַרפּלאָנטערט אין מיטן
מע לויפֿט, מ'אַנטלויפֿט, מע ראַטעוועט זיך,
נאָר דאָס מזל ווערט נישט געביטן.

דער פֿעטער האָט אַ ייִדישע נאָז
און זייער אַ ייִדישע פּלייצע,
און אויגן, וואָס שמייכלען טרויעריק,
און אַ לעבעדיק בערדל, אַ ווייצנס.

זיי וווינען דערוויַיל, מיט קינדער צוויי,
ביי אונדז אין אַ זיַיטנשטיבל —
מע האָפֿט, אַז פֿאָניע וועט ברעכן דעם קאָפּ,
די מלחמה וועט באַלד אַריבער.

און איך בין אַ פּענדריק פֿון זעקס, זיבן יאָר,
און מ׳האָט מיך ליב, ווי געוויינטלעך
אַ יִינגעלע, אַ שטיפֿערל
מיט אַלע יִינגלישע חנדלעך.

און די מומע העניע האָט ליב געהאַט
מיך גיבן אַ כאַפּ און מיך קושן —
און איטלעכע פּאָר מינוט אַזוי,
ווײַל דאָ איז נישט שייך קיין בושה.

אַ קינד מעג מען קושן וויפֿל מע וויל,
און אַלעמען אין די אויגן.
גיי ווייס, צוליב וואָס ס׳האָט די מומע אַזוי
צו מיר, דעם פּענדריק, געצויגן.

קען זײַן, זי האָט אַ מאָל געהאַט
אַ פּענדריק — און האָט אים פֿאַרלוירן;
קען זײַן, ער איז שוין אין חדר געגאַן
און ער האָט שוין געלערנט תּורה.

איז פֿלעג זי מיך כאַפּן און דריקן צו זיך
און אַזוי מיך קושן נעמען,
אַז פֿון איטלעכן קוש איז געוואָרן צען,
און שיינע עטלעכע צענער.

זי קושט מיך אויף איין מאָל אַ סך און געדיכט,
און דער עיקר אויף די ליפּן —
די צענדליקער קושעלעך פֿאַלן אויף מיר
ווי אַרבעסלעך אין זיפּן.

זי קושט מיך אויף איין מאָל אַ סך און געדיכט,
אַז ס'איז גאָרנישט איבערצוציילן —
ווער ווייסט, צי זי האָט נישט דערמיט געוואָלט
אַ טיפֿע וווּנד אירע היילן.

נאָר ווי קושט מען אַ פֿענדריק די ליפּן גלאַט
אויף אַ פּנימל בלאַטע און סמאָלע?
איז פֿלעג זי מיר געבן אַ שפּײַ אויפֿן מויל,
און מיך אָפּגעווישט באַלד מיט אַ פּאָלע.

און נעמען מיך קושן אַ סך און געדיכט,
ווי'ן אַ מלבוש דינינקע נאָטן,
און ביז זי האָט מיך אָפּגעלאָזט,
בין איך שיר נישט געבליבן אָן אָטעם.

— — — — — — — — — — — —

און הײַנט, נאָך אַזוי פֿיל, אַזוי פֿיל יאָר —
וואָס דאַרף איך לאַנג דאָ ברײַען? —
מיך קושן קושט איצט קיינער נישט,
מע קומט נאָר אויף מיר שפּײַען.

און אפֿשר — ווײ איז מיר — ווער ווייסט,
בין איך הײַנט אַזוי ווײַט פֿון ריינקייט,
אַז ס'וויל צו מיר קיינער נישט צוקומען נאָענט,
ווער רעדט נאָך — אַ קוש מיר שענקען.

באַלאַדע פֿונעם בענטשערל

דער רויך אין שטוב איז גראָ און געדיכט.
(אויף יענער זײַט ים בענטשט די מאַמע איצט ליכט . . .)

די אַשטעצלעך שטייען גרייט אויפֿן טיש.
קיין טישטעך, קיין לײַכטער זעט מען נישט.

זי רייכערט, ווי נאָר זי פֿאַרלאָזט דאָס בעט,
אַ גאַנצן טאָג — פֿון נערוועזיטעט.

אַ מאָל אויך בײַ נאַכט, ווען דער שלאָף מײַדט זי אויס.
סע נעמט זי קיין שלאָף נישט. דער פּחד איז גרויס.

פֿאַר וועמען דער פּחד? אָהאָ, ווען זי ווייסט.
דערווײַל איז נישטאָ פֿאַר איר קראַנקשאַפֿט קיין טרייסט.

געווען שוין בײַ וויפֿל דאָקטורים אין שטאָט — —
זי זאָל פֿאָלגן וואָס איטלעכער איינער ראָט,

וואָלט זי איצט שוין לאַנג נישט געווען אויף דער וועלט . .
אָט לײַדט זי פֿון היץ און אָט וואַרפֿט זי פֿון קעלט —

און אַלץ אין אַ שעה, צי אין ווינציקער נאָך —
קיין רפֿואה נישטאָ נאָך דערווײַל צון איר בראָך.

איז טוט זי דערווײַל וואָס זי פֿילט, אַז זי מוז:
זי רייכערט — איר דאַכט זיך, זי לעבט אין דעם זכות.

און הײַנט דאַרפֿן קומען פֿרײַנד צו גיין,
צו מאַכן אַ קערטל ביז האַלב נאַכט, צי מיין.

מע זיצט און מע רייכערט, אַז ס׳גייט אַזש אַ רויך —
און אַז מע באַדאַרף, שטעכעלירט מען זיך אויך.

אַבי דאָס געשריי פֿון דער שטאָט איז ווײַט —
איז זיצט מען בײַ קאָרטן און מ׳הרגעט די צײַט.

נאָר הײַנט האָט דער בריוונטרעגער עפּעס געבראַכט:
אַ בריוו — נישט קיין בריוו — און זי האָט זיך פֿאַרטראַכט.

אַ בענטשערל האָט איר די מאַמע געשיקט —
(זי'ט פּלוצעם דערפֿילט אַ פֿײַכקייט אין בליק —)

מיט עבֿרי־טײַטש, און שיין געדרוקט —
זי האָט פֿרום דערין אַרײַנגעקוקט.

געמישט די בלעטלעך אַהין און אַהער —
זי קען דאָס באַלד שוין נישט לייענען מער.

זי ווייסט נישט דערפֿון שוין צענדליקער יאָר —
אויף דער עלטער אָנהייבן בענטשן גאָר?

זי'ט אַ שמייכל געטון אין זיך אַרײַן:
ווי קען איך אַזוי היפּאָקריטיש זײַן?

געוואַלד, וואָס אַ מאַמען קען ליגן אין זין!
ווען זי ווייסט, סאַראַ כּשר קינד איך בין . . .

דאָס בענטשערל זאָל דערווײַל ליגן בײַ מיר —
כ'על עס האַלטן אַזוי ווי אַ סאַווועניר.

זי וועט ווײַזן די פֿרײַנד נאָך הײַנט בײַ נאַכט,
וואָס דער בריוונטרעגער האָט איר אַזוינס געבראַכט.

זי האָט עס אַרויסגעלייגט פֿון די הענט,
און זיך דערפֿון אָוועקגעווענדט.

אַ פֿלי און אַ פֿלאַטער האָט קוים זיך דערהערט,
ווי אַ פֿייגעלע וואָלט זיך געלאָזט פֿון דער ערד

אַרויף צו דער הייך, וואָס האָט נישט קיין ברעג — — — —
אַזוי איז דאָס בענטשערל אַוועק . . .

אַז איך װעל אַװעק פֿון דער װעלט

אַז איך װעל אַװעק פֿון דער װעלט,
װעט דען זײַן װער סע זאָל נאָך מיר װײנען?
כ'האָב דאָ קײנעם נישט אויסגעפֿעלט,
און בענקען נאָך מיר װעט נישט קײנער.

נאָך אײדער איך בין אַרויס
פֿון דער מאַמעס לײַב, דעם שײנעם,
האָט מיך עמעץ פֿאַרשאָלטן־געבענטשט
מיט אַ קללה און אַ ברכה אין אײנעם:

װעסט טראָגן אַ װײטיק אין זיך,
אין מאַרך פון דײַנע בײנער —
נאָר דו װעסט גאָר זינגען פון אים
אין קעלבערנער תּמימות, אין רײנער.

די פײַן פֿון דער גאַנצער װעלט
װעט קריצן בײַ דיר אין די צײנער —
ט'מען זאָגן: פֿון זינען אַראָפּ —
און מ'עט דיך באַװאַרפֿן מיט שטײנער.

צװישן טויזנטער קלוגע לײַט
װעסטו אָבער זײַן נאָר אײנער,
װאָס װעט רעדן מיט ריטעם און גראַם
און מיט חנען.

נאָר אַז כ'על אַװעק פֿון דער װעלט,
װעט נישט זײַן װער סע זאָל נאָך מיר װײנען.
כ'האָב דאָ קײנעם נישט אויסגעפֿעלט,
און בענקען נאָך מיר װעט נישט קײנער.

אומעט

כ׳בלאָנקע אום אָן עלנטער
אויף די שרײַעדיקע גאַסן
פֿון דער צונעדולטער שטאָט,
און מיך יאָגן פּחד־פּאַסן.

כ׳ווייס נישט, ווי איך קום אַהער,
אויף דער וועלט, אויף אָט דער גרױסער.
מיר איז פֿרעמד איר פֿריידגעשריי,
ווײַל נאָר רישעות איז זי אויסן.

איך האָב ליב די עלנטע,
די געשלאָגענע, וואָס וויינען
שטיל, ס׳זאָל קיינער זיי נישט זען,
און ס׳זאָל זיי נישט הערן קיינער.

איך בין אויפֿגעלייגט צו גוטס —
כ׳וועל צון אַלע מידע קומען,
וואָס זיי האָבן נישט קיין היים,
נאָר אַ טויבע הייל פֿון אומעט.

ריצפּה בת־אַיה (שמואל ב׳ כ״א)

די מוטער זיצט שוין די ווײַפֿלטע נאַכט
און היט אירע זין אויף די תּליות.
זי האָט נאָך קיין אויג נישט צוגעמאַכט,
איר גליווערן אַזש די ווינעס.

זי טרײַבט מיט אויסגעמאַטערטע הענט
די שאַקאַלן אין נאַכטיקן טונקל —
זיי שלײַכן פֿון הינטער פֿעלדזיקע ווענט,
ווי נאָר די זון גייט אונטער.

זי פֿילט, די כּוחות עקן זיך איר
פֿון טרײַבן די אָדלערס און קראָען,
וואָס קומען בײַ טאָג פֿון די וועלדער אַפֿיר,
אין גאַנצע טשאַטעס, אין גראָע.

„וואָס קרײַזט איר אַרום די געהאַנגענע וויג,
איר, פֿייגל — איר וועט זי נישט טשעפּען,
נאָר סײַדנס די בראַנד וועט צישענדיק
דאָס בלוט פֿון מיר אויסשעפּן."

אין גבֿעת־שאול הוזשעט אַ ווינט,
וואָס גאָט האָט אין אים פֿאַרגעסן.
„ווען נישט מײַנע זין, נאָר איך הענג אַצינד,
וואָלט איך אײַך געלאָזט מיך פֿרעסן."

ס'איז אָבער אַנדערש געווען פֿאַרטראַכט:
אַז די מוטער ריצפּה בת איה
מוז ברענגען צוויי זין, די פֿרוכט פֿון איר טראַכט,
ווי קרבנות אין העלישן פֿײַער.

אין גבֿעת־שאול הוזשעט אַ ווינט,
און דערציילט אַ גרויליקע מעשׂה.
„אוי, גאָט, פֿאַר וועלכע ביטערע זינד
זאָל דער צער מיך אַזוי צערײַסן?"

זי האַלט זיך, אַזוי ווי די זין אויף די שטריק,
אַהין און צוריק אין איין וויגן;
זי פֿרעגט מיט שגעון אין פֿאַרשטאַרטן בליק:
„פֿאַר וואָס קומט מײַנע זין אַזאַ הריגה?

פֿאַר וואָס, פֿאַר וואָס מוז מען הרגענען זין,
און ווערן אליין דערהרגעט?
נישטאָ נאָך אַ טעמנע מאַמע, ווי כ׳בין,
וואָס אַזוי זאָל דער ווייטיק זי וואָרגן.״

זי זיצט שוין אַזוי די ווי?לטע נאַכט,
געהילט אין אַ שאַל, אין אַ גרויער, —
אַ רגע האָט זיך איר אויסגעדאַכט,
אַז סע ברעכט זי איבער דער טרויער.

נאָר פֿינצטערער פֿון אַלע נעכט
אין האַרץ בײַ איר דער צער איז:
„ווי קען דער קיניג זײַן גערעכט,
אַז איך זע נישט, מײַן פּײַן זאָל אים אַרן.״

זי זיצט שוין אַזוי די ווי?לטע נאַכט
בײַ אירע געהאַנגענע זינען.
דער קיניג האָט זיי פֿאַר קרבנות געבראַכט —
מחילה בײַ גאָט צו געפֿינען.

עמעץ איז בײַ מיר געווען

דאַכט זיך, עמעץ איז בײַ מיר געווען.
כ׳האָב, מיר דאַכט, געהערט א קלאַפּ אין טיר.
בין איך צוגעלאָפֿן עפֿענען —
סאַרא שׂימחה, עמעץ קומט צו מיר!

כ׳האָב מיט אימפּעט אויפֿגעפּראַלט די טיר —
און זיך אומגעקוקט, כּמעט מיט שרעק:
זיכער איז דאָ עמעצער געווען —
וואָס זשע איז ער אַזוי גיך אַוועק?

כ׳האָב כּמעט אַ הייב געטון די הענט,
עמעצן אַרומצונעמען גרייט —
און זיך אָנגעכאַפּט בײַם מידן האַרץ.
כ׳בין געבליבן שטיין פֿאַרשעמטערהייט.

ווי, מיט וואָס האָב איך אַזוי געפֿעלט,
אַז איך פֿיל, אַז עמעץ איז געווען,
כ׳האָב אים אַזש כּמעט אַרומגעהאַלדזט —
און איך טאָר אַצינדערט אים נישט זען —?

עמעץ האָט דעם אָטעם מיר פֿאַרגיכט;
דאַכט זיך, טוליען זיך געוואָלט צו מיר —
וואָס זשע שטיי איך אײַנגעבראָכן איצט
בײַ דער אָפֿענער, פֿאַרשעמטער טיר?

שכנים ווייסן, עמעץ איז געווען.
אַלע ווייסן פֿון מײַן טיפֿער לייד.
איך האָב קוים זײַן אָטעמען געהערט,
און איך פֿיל: די דאַכטעניש פֿאַרגייט.

כ׳האָב מורא פֿאַרן צווייטן טויט

אַז עמעץ וועט אַ פּלאַפּל טון נאָך וועגן מיר,
(און דווקא נישט מיט לאַקריצדיקער זיסיקייט),
וועל איך אין קבֿר מיט די ליפּן טון אַ ריר,
ווי אָפּגעשיידטע טוען, אַז מע רעדט פֿון זיי
מיט צוגענייגטע רייד —
לויט אין די שוואַרצע פּינטעלעך מרומז שטייט.

אַז עמעצער וועט סתּם אַזוי פֿאַרלירן וועגן מיר אַ וואָרט —
וועל איך נאָך האָבן דאָ אַן אָרט,
כאָטש כ׳וועל שוין דאָ נישט זײַן.

ווער שמועסט, אַז עמעץ וועט נאָך לייענען
פֿון מײַנס אַ ליד
אַ שורה, צוויי, צי אפֿשר דרײַ,
און טון דערבײַ אַ זיפֿץ —
וועל איך אוודאי זײַן דערבײַ.

כ׳וועל טאָקע ליגן שטיל און שטאַר
(און מער נישט דאַרפֿן זען די פֿאַלשע פֿרײַנד,
ווי כ׳מוז זיי יאָ זען הײַנט),
כ׳וועל אָבער פֿול זײַן מיט געהער,

צי איצטער כאָטש דערמאָנט מיך ווער —
און נישט מיט לאַקריצדיקער זיסיקייט,
און אויכעט נישט מיט ליגנערישע רייד.

כ׳וועל ליגן מיט די אויגן צו,
און אפֿשר נאָענט לעבן פלויט —
אַבי נאָר כ׳וועל נאָך זײַן
בײַ איינעם אויף דער גוטער צונג.

נאָר מורא האָב איך פֿאַרן צווייטן טויט,
ווען ס׳וועט זיך לעשן פֿון מײַן שטילן שם
דער לעצטער קלונג.

פֿויגל, פֿליסט דאָך

פֿויגל, וואָס דו רירסט באַלד אָן די וואָלקנס,
פֿליסט דאָך אום ווו ס׳האָט די וועלט אַן עק,
און וועסט קומען אין אַ שיינעם מאָרגן
צון אָן אָפּרו, אויף אַ ווײַטן ברעג —

וויל איך צו דיר אַ בקשה ווענדן:
קוק אַראָפּ אין דײַן געפֿלי צו דר׳ערד —
ערגעץ אין אַ לאַנד דאָרט צווישן לענדער
שטיים אַ ייִנגל, און איז שטאַרק פֿאַרקלערט.

ווײַל ער מיינט: כ'האָב אים געלאָזט אויף הפקר,
ס'איז מיר גוט, און כ'טראַכט שוין פֿון אים נישט,
אָדער איך בין גאָר נישטאָ שוין אפֿשר,
צי דער זינען איז מיר גאָר צעמישט;

נידער זשע אַראָפּ, איך בעט דיך; פֿויגל,
זעץ זיך לעבן זײַנע דינע טריט —
זאָג אים, אַז איך וואָלט צום אים געפֿלויגן,
נאָר איך האָב קיין סימן פֿליגל נים.

זאָג אים, אַז כּל־זמן איך טראַכט נאָך פֿון אים,
האָב איך נאָך אַן אָנשפּאַר אויף דער ערד.
זאָג אים, אַז איך האָב נאָך נישט געפֿונען
די פֿאַנטאַזיע, וואָס איך האָב פֿאַרקלערט.

דאָס, וואָס איך האָב יאָ געקענט געפֿינען,
האָט געמאַניעט און האָט אָפּגענאַרט.
כ'וואָרט, מיר זאָל זיך לײַטערן דער זינען,
נאָר איך האָב דערווײַל זיך נישט דערוואַרט.

וואָס זשע טו איך אין מײַן דולער דאָליע,
אַז איך זיץ און טראַכט פֿון אים נאָר בלויז?
בריוולעך שרײַב איך אים, אין מײַן מאַנקאָליע,
און איך וואַרף זײ אויפֿן ווינט אַרויס.

אוי, ווי שווער איז

א דין, פֿאַריתומט שפּילעניש פֿון טענער —
וואָס ווײַטער די דערמאָנעניש, אַלץ שענער.

איך גיי ווי אין אַ חלום דורך די וואָרן —
כ׳פֿאַרקוק זיך אויפֿן פֿלי פֿון טויבנפֿאָרן.

איך קוק נישט ווו איך גיי, אין דעם האַרמידער.
איך טראָג שוין אין זיך זערנעלעך פֿון לידער.

— — — — — — — — — — — — —

דער דרויסן איז מיט פּחד אָנגעיווירן —
איך גיי אַליין, סע העלפֿט שוין נישט קיין מורא . .

די שדים שרעקן מיך אין די חצותן —
איך האָב מײַן האַרץ אין קריאַת־שמע אויסגעגאָסן.

איך מוז אין זיך פֿאַרהאַמעווען די טרערן —
כ׳זאָל נישט פֿון זייער שטראָם פֿאַרטראָגן ווערן.

איך מוז אין זיך דעם גאַנצן וועלטוויי זאַפּן,
נאָר כ׳טאָר די ערשטע טרער נישט לאָזן קאַפּען.

ס׳איז גרינג צו וויינען צוויי דרײַ ערשטע טרערן,
נאָר אויפֿצוהערן וויינען — אוי, ווי שווער איז.

פֿאַר מײַנע אייניקלעך

א.

אין וואַסערע שיכעלעך יאָגט זיך אַ ווינטל —
אין געלע אָדער אין גרינע?
וואָס איז די נפֿקא־מינה?

אַבי נאָר מיט נאַקעטע הענטלעך און פֿיסלעך
אַרומצולויפֿן אין דרויסן —
איז שוין נישט קיין חילוק, קיין גרויסער.

דעם ווינטלס שיכעלעך זען — איז שווערלעך,
אַכיבע מ׳האָט פֿלינקע אויגן —
אַ ווינטל ווייסט איינס נאָר: געפֿלויגן . . .

אַ ווינטלס גלעזל, אָבער, פֿילט מען כּסדר
איף הענטלעך און פֿיסלעך און בײַכלעך —
אַזוי ווי געוואַרעמטע טײַכלעך.

ב.

ווען איך זאָל פֿאַרמאָגן אוצרות,
זעק מיט אימפּעריאַלן —
וואָלט איך אײַך געפֿירט אײַך ווײַזן
ווײַטע לענדער אַלע.

איך וואָלט אָפּגעדונגען שיפֿן
און די גיכסטע באַנען,
אָדער אפֿשר איז גאָר גלײַכער
גרינגע עראָפּלאַנען.

ווען איך זאָל פֿאַרמאָגן אוצרות —
וואָס איז דאָ צו קלערן?
קען גאָר זײַן, כ'וואָלט אײַך גענומען
צו די ווײַטסטע שטערן.

צו די ווײַטסטע שטערן, אָדער
צו די מילעכוועגן —
לאָמיר זען, וואָס דאָרטן טוט זיך,
און פֿאַרשפּאָרן פֿרעגן.

נאָר קיין אוצרות האָב איך דאָך נישט —
דאַרפֿן מיר זיך צאַמען —
מאַך איך אײַך דערווײַל אַ לידל
מיט באַהנטע גראַמען.

הכנסת־אורחים

די, וואָס כ׳קום צו זיי אין געסט,
און זיי זענען מיך מהנה —
איז די מיצווה זייערע,
דאָס איז שווארץ אויף ווײַס פֿאַראַנען.

צי מע גיט מיר לעבערלעך,
צי אַ טעלער וועגעטאַרישס
האָב איך גאָרנישט פֿון דערפֿון,
און סע דאַרף נישט קיינעם אַרן.

איך האָב נאָר די חיי־שעה —
איך עס אויף וואָס מע דערלאַנגט מיר,
און אַפֿילו מערער נאָך —
ס׳זאָל דערנאָכדעם מיר נישט באַנג טון . . .

דער הכנסת־אורחים־שׂכר,
אָבער, בלײַבט בײַ זיי אין גאַנצן —
איבער הונדערט צוואַנציק יאָר
וועט ער זיי אָקעגנטאַנצן.

זיי, וואָס גיבן? חומר בלויז,
מיט די ב ע ס ט ע ס ט ע פּוונות
און דער שיינער מיצווה־שׂכר
לײַכט שוין איצט אויף זייער פּנים.

וואָס איז חומר? חיי־שעה.
מיצווה־שׂכר איז אייביקייטן.
די, וואָס כ׳קום צו זיי אין געסט —
זיי פֿאַרשטייען עס, פֿאַרשטייט זיך . . .

קאַרמען

אַט דאָ אַנומלט האָב איך זי באַגעגנט,
נאָך קאַרגע פֿיר אַ האַלבן צענדליק יאָר.
אין איין מינוט האָט זיך פֿאַר מיר געעפֿנט
אַ פּאַנאָראַמע פֿון אַ בידנער וואָר — — —

די ערשטע יאָרן מײַנע אין קאַנאַדע —
ס'איז ביטער און ס'איז פֿינצטער, גלײַך אויף גלײַך.
די פּלאָגן יאָגן זיך ווי אַ פּאַרפּלייצונג.
אַז מ'האָט אַ ברעקל אַרבעט, איז מען רײַך.

אין שאָפּ האָט זי געהערט — מע רופט מיך מוי־שע,
האָט זי געמאַכט דערפֿון, נישט ווילנדיק: מאָן שער.
איך האָב סײַ ווי גערעדט צו איר מיט שטילן,
מיט גינציקייט, מיט ווארעמער.

איך האָב זי טאַקע ליב געהאַט בסתר,
נאָר מײַן באַקלעמעניש געווען איז גרויס:
איך האָב געקענט איר מאַמע און איר טאַטע —
אַן איטאַליענערקע און אַ פֿראַנצויז.

און איך האָב נישט געוואָלט קיין פֿרעמדע, קיין נכריה,
כ'האָב זי באַוווּנדערט בלויז און זיך פֿאַרטראַכט — — —
דער חלום פֿלעג מיך, מיט איר, ווײַט פֿאַרטראָגן,
דער זייגער אָנהייב טאָג ט'מיך אויסגעלאַכט.

זי איז געווען, גאַנץ קלאָר, אַ בוים, אַן אויפֿגעבליטער,
אַז ווײל, האָב איך געטראַכט, וועט יענעם זײַן,
וואָס וועט אַ מאָל אויף אים אַ ברכה מאַכן,
אויף זײַנע עפּל, זײַנע איילבערטן, זײַן ווײַן.

אויף צו געפֿעלן און צו טראָגן און צו האָבן
איז מײַסטעריש געווען געבויט איר לײַב.
אַ זעלטנדיקער קינסטלער ט׳זי געפֿורעמט,
אַז זי זאָל זײַן אַ מוטער און אַ ווײַב.

דאָס צלמל, וואָס איז איר אויפֿן האַלדז געהאַנגען,
האָט נישט געהאָלפֿן אויף קיין האָר.
איצט הענגען ווי אויף זשאַווערדיקע דרעטלעך
די אָפּגעלעבטע יאָר.

פֿון אירע צווײַגן קאַפּעט טרויער,
פֿון אירע פּירות וועפּט דער ווײַן.
אַז קאָרמען איז נאָך נישט קיין ווײַב, נאָך נישט קיין מוטער —
צי קען מען עס גאָר משׂיג זײַן!

די וועלט איז קראַנק אויף כּל־המינים רישעותקייטן,
און איינס: פֿאַרשעמען דאָס, וואָס גאָט האָט שיין געקריינט.
כ׳האָב איצט פֿאַר קאָרמענען אַראָפּגעלאָזט די אויגן,
און ס׳האַרץ האָט אין מיר שטיל געוויינט.

ג.

פֿריהאַרבסט אין דאָרף

(בוקעווינער לאַנדשאַפֿט)

די לופֿט איז מוטנע גלאָז, נאָר זי איז קלאָר.
אַ ווערבע וויינט נאָך אירע מיידל־יאָר.

די ביימער פֿאָכען מאַט מיט קרילעס גלי.
די שויב לבֿנה איז אַרוים צו פֿרי.

די שטערן־קאַנדעליאַברעס זענען דאָ —
מ'עט הייסן זיי זיך צינדן אין אַ שעה.

אַ טיפֿע טשעלאָ ציט אַדורך דעם וואַלד.
די שקיעה לעשט זיך, עפּעס איז איר קאַלט.

אַ נעפּלנעץ האָט זיך אַראָפּגעלאָזט —
פֿאַרמעליקן די נאַכט מיט ערשטן פֿראָסט.

די בעטלערס גייען שוין אַהיים צוריק,
און די לבֿנה ליגט ווי אין אַ וויג.

קאָשמאַר

אין דער לופֿטן רײַטן מאָנסטערס —
דרייען רעדער.
זיבן שוואַרצע, אויסגעפּוצטע טרונעס
שלעפּט נאָך זיך איעדער.

פֿון אַ וואַלד מיט פֿינצטער
פּחד-ווינטן צ‫ײַען —
שלינגען אוים מײַן אָטעם
און מיט אים פֿאַרפֿלײַען.

מײַנע שלייפֿן-שיסלען —
אָנגעגאָסענע מיט בלײַען.
דאַכט זיך, אַז איך שרײַ און איך סקאָוועטשע,
נאָר איך הער נישט, איך זאָל שרײַען.

קום איך צון אַ ים אָן —
אָבער ער איז נישט ווי אַלע ימען:
בלוט — די זידנדיקע כוואַליעס,
און סע שפּאַרן פֿון אים פֿלאַמען.

אין די כוואַליעס —
גרויליקע געקעכצן:
מענטש און בוים און חיה —
און ס'איז שטיל, מע הערט קיין קרעכץ נישט.

אין דער לופֿטן רײַטן מאָנסטערס,
דרייען רעדער;
זיבן שוואַרצע, אויסגעפּוצטע טרונעס
שלעפּט נאָך זיך איעדער.

דאָרפֿישע לאַנדשאַפֿט

די פֿעלדער פֿאַרען, ווי די פֿריש געבאַקטע ברויטן.
צווײ קאָזעס קראַצן זיך די פֿעלן בײַ די דרענגלעכפּלויטן

דער שופֿר פֿון אַ קוס מערוקען וואָרנט — ווער פֿאַרשטייט עס?
צי ענטפֿערט איר כאָטש עמעץ פֿון אַ דאָרף, אַ צווייטן?

סע ענטפֿערט קיינער נישט דער קוס מערוקען.
די סאָסנעס ציִען אױס די העלדז און קוקן:

סע רייצן זיי די בלימלדיקע פֿעלדערקליידער.
בײַם וואַלדראַנד בליִען פֿלאַמענדיק די דאָרנקווייטן.

די ביימער גרייטן זיך צון עפּעס שיינע מעשׂות —
די צווײַגן ציִען זיך אַרויף, ווי פֿליגל ווײַסע.

אַ שיקסל טראָגט פֿון ווו אַ פֿאַרטעך עפּל
און ס'איז איר גוט — פֿאַר וואָס זשע נאָגט זי עפּעס?

צום ליבסטן וואָלט זי עמעצן אצינד באַגעגנט,
וואָס זאָל די עפּל וועלן — וואָלט זי זיך געשטעלט אַקעגן.

מיט סאַמעטבערגלעך פֿול דער טאָל איז.
די טשערעדע קומט אָן, איז גרייט מיט מילעך אָפּצוצאָלן.

זי ציט זיך צו דער קאָרעטע. די שוואַלבן טשיריטשירען.
אַ קוואַטשקע ברענגט די ציפּצענדיקע הינדעלעך צו פֿירן.

די זילבערגרילן זעט מען נישט, מע הערט נאָר זייער טשירקען.
סע דאַכט זיך, אַז זיי ציִען קוים גע●זונע צירקלען.

אַ טשאַטע פֿייגל פֿליט פֿאַרבײַ — אַ חתונהקע, ס'אַ סבֿרא.
דאָס פּלהטשקעלע ווערט אַט באַלד זיך פֿאַרן.

נאָך אַן איינציק בלימל איז געבליבן

נאָך אַן איינציק בלימל איז געבליבן
עק וועלט, אין אַ וויסטעניש, אין מיטן —
איז אַ פּאָלק סאָלדאַטן אַנגעריטן:
ווי, מע דאַרף דאָס בלימעלע פֿאַרהיטן! . . .

זאָלן מענטשן דורות שפּעטער וויסן,
ווי אַ מאָל האָט אויסגעזען אַ בלימל —
איידער ס'איז צו שפּעט. (אוי, גאָט אין הימל!)

מ'האָט דאָס בלימעלע אַרומגערינגלט,
נאָר דאָס בלימעלע האָט שטאַרק געציטערט,
און מ'האָט זיך געשראָקן פֿאַר זײַן לעבן —
נישט פֿאַרמאָגט קיין שאָטן פֿון אַ פֿינקל.

זענען אַנגעפֿאָרן מחנות טאַנקען —
אַלץ כּדי דאָס בלימעלע פֿאַרהיטן.
אין געיעג האָט אַזש געפֿעלט אַ רגע —
וואָלט מען עס געוווען אויף טויט צעשניטן.

נאָר דאָס בלימעלע איז זיך פֿאַרגאַנגען
אי פֿון וויטיק, אי — נאָך מער — פֿון פּחד,
ביז ס'האָט אַנגעיאָגט אַ וואַלד האַרמאַטן,
אַז די שמירה זײַן זאָל זיבנפֿאַכיק.

די האַרמאַטן מיט די טורעמס גרויסע
האָבן באַלד פֿאַרשטעלט דעם בלימלס דרויסן.
נאָך געבליבן בלויז אַ בלאָער פֿלעק דאָרט
אין דער הייך — האָט מען עס אויך פֿאַרדעקט באַלד,
אַז דעם בלימל ממש פֿעלט אויס אָטעם,
און ס'פֿאַרוואַרפֿט דאָס קעפּל אויף אַהינטער.

[illegible]
די האַרמאַטן האָבן אויסגעשאָסן
און מיט שמירעכצער דערויף געגאָסן,
און די טאַנקען האָבן זיך צערעדערט,
און מ׳האָט עס געשוואונקט אין תּרופה-בעדער,
נאָר דאָס בלימל האָט מען נישט דערמינטערט —
ס׳איז אַרײַן אין אייביקדיקן ווינטער.

איך בין דעמאָלט דאָרט דערבײַ געשטאַנען
און אַ זיפֿין געטון: פֿאַרגאַן, פֿאַרגאַנען.
כ׳האָב זיך, פֿון אַ ווייטיק אין די ביינער,
הויך צעלאַכט, איך זאָל נישט דאַרפֿן וויינען . . .

סוף־כּל־סוף

. . . סוף־כּל־סוף האָט זי באַקומען
צוגעשיקט פֿון זיי אַ בריוו
מיט פּעטשאַטן עטלעכנע,
ווי מיט בלוט, אַרומגעטריפֿט.

און אין בריוו וואָס איז געשטאַנען? —
ווייס, דײַן מאַן איז שוין נישטאָ —
ר׳איז געשטאָרבן, לויטן מישפּט,
אין אַ פֿרײַער מאָרגן־שעה.

ניט אַליין, מיט אים און אײנעם
נאָך אַזעלכענע ווי ער —
מיר פֿאַרטראָגן ניט קיין בוגדים,
מיר אויף אונדזער פֿרײַער ערד.

ער איז שוין ניטאָ — דאָס זיכער,
און באַגראָבן — דאָס געוויס.
אָבער זאָלסט אונדז נאָר ניט פֿרעגן
ווו ערגעץ זײַן קבֿר איז.

ניט מע ווייסט און ניט מ׳עט וויסן,
און צו פֿאָרשן — ניט פֿדאי;
בוגדים קען דאָך ניט פֿאַרטראָגן
אונדזער הײמלאַנד סײַ ווי סײַ.

איין זאַך קענסטו יאָ באַקומען —
דאָ דערפֿאַר אַ פּאַראַגראַף:
קום אויף דעם אַדרעס, וואָס שטייט דאָ,
און באַווײַז אונדז אָט דעם כתבֿ —

ס׳וואָרט אין אַ פּאַפּירן שקעטל,
אָפּגעטשיסטעוועט און ריין,
מיט אַן אות און מיט אַ נומער,
אָפּגעהיט, זײַן גאָלדגעציין.

אַ חלום

איך בלאַנקע אין די גידעריקסטע העקן,
נאָר כ׳ווייס, איך דאַרף מיך איצט נישט שרעקן.
ביַי אַלע ווענט — פֿאַרקרימטע אונטערוועלט־פּאַרשוינען.
איך איַיל מיך נישט, ווי איך זאָל דאָ אין שכנות וווינען.

זיי טראָגן האַלבע מאַסקעס
און שפּיצעכיקע, בלישטשענדיקע קאַסקעס.
איך קוק זיי אין די פּנימער, וואָס יזירן —
און כ׳האָב אין האַרצן נישט קיַין טראָפּן מורא.

זיי ווינקען איינס צום אַנדערן, מיט קרומע שמייכלען.
זיי לאָזן זיך צו מיר און קענען מיך נישט גרייכן.
זיי קענען מיט די פֿיס נישט רירן.
איך גיי, ווי ס׳זאָל אַ גוטע האַנט מיך פֿירן.

פֿון ערגעץ טאָגט, מיר דאַכט זיך.
איך הער, ווי פֿינצטערנישן קראַכן.
איך זוך: ס׳האָט זיך געעפֿנט ווו אַ ליכטיק טירל —
און עמעץ סודעט זיך מיט מיר: אַל תּירָא . . .

אַזוי וועט זײַן

אַזוי וועט זײַן —
נישט מאָרגן, איז אין פּופּציק יאָר אַרום:
פֿאַר איטלעכער גזילה — אַ מעדאַל, אַ בלום.

„האָב פֿײַנט דײַן חבֿר" שטייט —
ווײַל ר'האָט דיך אויכעט פֿײַנט —
און ס'איז עס שוין מקיים איצטער, הײַנט.

פֿאַרגוואַלטעווען און הרגענען,
בכלל: טון שלעכטס —
וועט זײַן איעדנס רעכט.

און יענער, וואָס ער האָט נאָך נישט פֿאַרגעוואַלטעוועט,
וועט שעמען זיך פֿאַר לײַט דאָס פּנים ווײַזן —
ער'ט זיך באַהאַלטן ווי'ן אַ לאָך אַ מײַזל.

און נאָך אַ זאַך:
נישט מאַכן קיין געשריי —
דעם פֿײַנעם מאַן באַליידיקט עס און ס'טוט אים וויי.

דער עיקר איז דער אויסגעפּרעסטער פֿראַק,
און אין געמיט די רו —
מע הרגעט דיך? זײַ שטיל און קוק זיך צו.

מע רײַסט דיר שטיקער פֿונעם לײַב?
דו שמייכל בײַ דערבײַ —
דײַן פּעס איז דאָך אַרויסגעוואָרפֿן סײַ ווי סײַ.

פֿאַר שרײַען וועט מען שלעפּן אין געריכט:
דו האָסט די רו געשטערט —
מע דאַרף דיר אָנפֿילן דאָס מויל מיט ערד.

וועסט אָטעמען
אַ פּאָר מעת־לעתן דורך דער נאָז —
און ווייס: פֿאַר וואָס.

קידנעפּערײַ וועט מותּר זײַן,
און טאָמער גיט דער קרבן מיט די ציין אַ קריץ —
באַקומט ער אויפֿן הוילן צוואָנציק שמיץ.

מע קען עס זאָגן קורץ
און מיט אַן איינציק וואָרט:
ס'וועט מער נישט הייסן רישעות אָדער מאָרד.

ווי וועט עס הייסן פֿאָרט?
ס'וועט הייסן מענטשלעכקייט.
סע גייט דערצו — זײַ, ברודער, גרייט.

אין שלאָף

אין שלאָף, אין אַ קאָשמאַר,
האָב איך געגעבן אַ געשריי —
און כ'האָב זיך אויפֿגעכאַפּט.

איך בין אַרײַן אין אַ בײַטאָגיקן ווירוואַר.
דאָס ליכט, ווי דולע אויגן צוויי,
האָט מיר דעם אָטעם אויסגעצאַפּט.

איך וויל אַרײַן צוריק אין אָפּגרונט פֿון דער נאַכט.
די דולע ליכטיק שטאָרט אויף מיר און לאַכט.

אין אַ פֿרילינגטאָג

א.

די ערן ציִען צו די זוּן —
מע לאָזט זיך אין די בלויען פֿליִען.

די זוּנען וואַרטן אויף די ערן —
נישט ליובען זיך, נאָר אויך זיך מערן.

די הייכן עפֿענען שפּאַרונעס:
דאַנק גאָט, אַבי מ׳האָט זיך געפֿונען.

די הייכן ווערן נידעריקער —,
און קוים געהערטע טײַכלעך — שיכּור.

אַ שטיל געהילך דערגרייכט צום אויער,
און ביז אין דער נשמהס טויער.

ב.

די יונגע ערד דעקט אָפּ די גלוסטנדיקע אַקסלען —
און אַלץ, וואָס לעבט, וויל בליִען און וויל נעמען וואַקסן.

פֿון ערגעץ קומען פֿייגל אָן, אין קרומע שורות —
ווי אויפֿן הימלהאָלדז פֿאַרקלערטע פּערלשנורן.

זיי נעמען, פֿליִענדיקע, סטרויען זייערע כּלים —
ווײַל נאָך דער יאָזדע איז פֿאַראַן וואָס צו דערציילן.

וואָס בענקען פֿידעלעך אַהער פֿון אַלע זײַטן,
און פֿלייטן ציטערן — וואָס קען עס אַלץ באַטײַטן?

די זוּען בלאָזן זיך פֿאַרבײַ די ערן — — — —
אוי, זאָל זיי קיינער נישט די חתונהקעס פֿאַרשטערן.

איך זאָל נישט קיין ליגנער בלײַבן

גיב מיר יאָרן, גאָט, און כּוח,
איך זאָל קענען איבערשרײַבן
די ירושה טאַטע-מאַמעס —
איך זאָל נישט קיין ליגנער בלײַבן.

אין די נעכט מיט שווערער אָטעמ,
ווי סע פֿלעג נאָר ווערן גרינגער —
פֿלעג די מאַמע זיצן, טראַכטן,
מיט אַ שרײַבפּען אין די פֿינגער.

דאָס האָט דער מיזיניק אירער
אָנגעגרייט בײַ איר געלעגער —
זי זאָל זיך דערמאָנען ווערטלעך,
מעשׂהלעך — פֿון זײַנעט וועגן.

„ווי זשע, זאָגסטו, הייסט עס בײַ דיר —
גאָר פֿאָלקלאָר? מסתּמא ווייסטו.
כ'על דיר אַל דאָס דינג פֿאַרשרײַבן,
אַקוראַט און ווי דו הייסט מיר,

מיטן זעכצעטל אַפֿילו,
און קיין אות דיר נישט פֿאַרלייקנט.
כ'זע, ביסט גוט פֿאַרקאָכט דערינען;
זאָלסט אַזוי אין תּורה ווייקן . . .״

פֿלעג זי זיצן אין געלעגער
און פֿאַרשרײַבן פֿון זכרון
מעשׂות, גלייבענישן, ווערטלעך —
פֿון די ווײַטע קינדער־יאָרן —

און מיר אין דער פֿרי דערלאַנגען
עטלעכענע פֿולע בויגנס —
און אַ טרויעריקער שמייכל
פֿלעג איר ליגן אין די אויגן.

„וואָס זאָל איך דיר איבערלאָזן —
דימענטן, מיזיניק מײַנער?
מעשׂהלעך מיט שיינע ווערטלעך
זענען דימענטן, וואָס שײַנען.״

באַלד שוין פֿינעף צענדליק יאָרן
זינט פֿון אונדז זי׳ט אָפּגעשיידט זיך;
איר ירושה מאַכט מיר גרינגער
אין מײַן האַרץ די שטיינער ווייטיק.

אויך דעם טאַטנס קוואַל ניגונים,
און זײַן שלל הלצות איידעלע —
ווי וואָלט איך געקענט דערטראָגן
מײַנע צרות אָן זיי ביידן?

גיב מיר יאָרן, גאָט, און כּוח,
איך זאָל קענען איבערשרײַבן
די ירושה טאַטע־מאַמעס —
איך זאָל נישט קײַן ליגנער בלײַבן.

צו חלום

אַן אַלטינקער, אין דרײַען געבויגן,
מיט מידע, האַלב פֿאַרמאַכטע אויגן —

גייט אום פּאַזע טײַך, מיט טריטעלעך דינע,
ער'ט עפּעס פֿאַרלוירן, נאָר גיי געפֿין עס.

אין מערבֿ לעשט זיך די שקיעה־שׂריפֿה —
די נאַכט מיטן טאָג זענען אייביקע רייפֿן . . .

דער אַלטינקער גייט מיט הענט צעשפּרייטע,
און עפּעס פֿאַרנעמען אַן אַנגעברייטער.

אַ ווינטלמילכל מאָלט ווג אַרום אים:
ס'איז אפֿשר שוין צײַט אַהיימצוקומען . . .

דאָס ווינטלמילכל הערט ער מאָלן:
דו וועסט נאָך גיין צו גאַסט אין חלום.

דער אַלטינקער בלײַבט שטיין, פֿאַרטראַכט זיך
און אין די אויגן האַלב פֿאַרמאַכטע

אַ טרויעריקלעך דינער שמייכל —
אין מערבֿ ווערט די שקיעה בלייכער.

געננוג מיר שוין דער וועלט־האַרמידער,
ווי אויף צעדולטע פֿערדיאַרידן.

דאָס ווינטלמילכל הערט ער מאָלן:
דו וועסט נאָך גיין צו גאַסט אין חלום . . .

אַ גאָט אַזאַ

אַ גאָט, וואָס וואַרט אויף כּלות נאָך דער חופּה,
און פֿאָדערט זייערע צעקעמטע שיינע צעפּ —
זיי זאָלן קומען אין דער ערשטער נאַכט צו די חתנים
מיט אָפּגעפּליקטע, מיט פֿאַרשעמטע קעפּ —

אַ גאָט אַזאַ איז נישט פֿאַראַנען, —
דאָס האָט גאָר עמעץ פֿינצטער אויסגעטראַכט
אַ גאָט, וואָס וויל דער פּלהס שטאָלץ, דעם שטילן,
און אירע שמעקעדיקע קודלעס פּראַכט.

מע זאָל דער פּלהס אָפּגעצופּטע קודלעס
אים וואַרפֿן צו די פֿיס? מיר דאַכט,
אַ גאָט אַזאַ איז קיין מאָל נישט געווען גאָר —
דאָס האָט אים עמעץ פֿינצטער אויסגעטראַכט.

דער איצקאַנער רבי

(ר׳ מנחם־נחום פֿרידמאַן זצ״ל)

נײַנצן פֿערצן. אָנהייב וועלט־מלחמה.
דער איצקאַנער רבי איז אַנטלאָפֿן.
מע אַנטלויפֿט קיין ווין, אַנטלויפֿט ער אויכעט.
בוקעווינע איז אַ טייל פֿון עסטרײַך,
און פֿראַנץ יאָזעף, קיסר ירום הודו,
איז אַ מלך־חסד — ווייסן אַלע.

איז דעם רבינס הויז געבליבן ליידיק.
ליידיק, אָבער, טאָר די שיל נישט בלײַבן —
אינעם אָרון־קודש שטייען גרייטע
אַלע ספֿר־תּורהס, און זיי וואַרטן,
מע זאָל פֿון זיי לייענען, זיי אַ קוש טאָן —
טאָר מען זיי, חלילה, נישט פֿאַרשעמען.
ובפֿרט, דער גאַנצער קליינער פּאַלאַץ
מיט די ווייס איך וויפֿל שיינע שטיבער,
אויסמעבלירטע לויט דער לעצטער מאָדע
און באַהאַנגענע מיט שווערע פֿירהענג —
שטייען נישט־געטשעפּעטע פֿון קיינעם.

וואָס ס׳וועט זײַן? אַל תּפתח פּה לשׂטן . . .
ס׳אַ מלחמה, און די פֿראָנטן גייען . . .
פּליטים קומען אָן אין קליינעם שטעטל —
ווײַל מע ווייסט דען ווו אַהין צו לויפֿן? —
און דערציילן פּחדימדיקע מעשׂות —

פֿון געכאַפּטע, ניבעטע, שפּיאָנען,
וואָס מ׳האָט זיי דערשאָסן סתּם אַזוי זיך,
אָדער אויפֿגעהאָנגען — אָנצושרעקן,
מע זאָל זיך נישט בונטעווען, וכדומה
מעשׂות, וואָס מע פֿלעג זיי שטיל דערציילן
בײַ אַ מנחה־מעריבֿדיקן מנין —
אויכעט מעשׂות, אַז מ׳האָט דאָרט און דאָרטן
טעכטער ייִדישע געכאַפּט, פֿאַראומגליקט.

יודן האָבן טאַקע זייערע טעכטער,
נאָך אַזעלכע מעשׂות, אויסבאַהאַלטן
אויף די בוידעמעס און אין די קעלערס,
פֿאַר דער רוסישער אַרמיי, וואָס רוקט זיך.

האָט מען טאַקע אין דער שיל געדאַוונט
שיינע עטלעכע חדשים, ביזקל
די אַרמיי האָט אָקופּירט דאָס שטעטל,
און געמאַכט פֿון רבינס קליינעם פּאַלאַץ,
מיט דער שיל און אויכעט מיט די שטיבער —
אַ שפּיטאָל, אַ לאַזאַרעט מסתּמא.
פֿריִער צעגראַמירט אַלץ און צעלאָמעט,
ווי דער שטייגער אייביק בײַ סאָלדאַטן —
אַלץ אַרויסגעוואָרפֿן אויף דער גאַס, און
נישט געשאָנעוועט די ריינקייטן.
מ׳האָט די קופּעס ספֿרים און יריעות
נישט געלאָזט זיך וואַלגערן אין דרויסן:
ייִדן שמעטלשע, מיט גאָט אין האַרצן,
האָבן באַלד שתּדלנים אויסגעפּטרויעט,
און מ׳האָט אַלץ באַשטאַט אין גוטע היימען.

אַלץ האָט מען אַרויסגעשמיצט, צו מאַכן
פּלאַץ פֿאַר די גערעניעטע סאָלדאַטן,

וואס מ׳האט גארנישט אויפגעהערט צו ברענגען
פון די נאענטע און ווײַטע פראנטן:
מ׳האט וואגאנענווײַז אהערגעפירט זיי,
אינעם שטילן שטעטל זיי צו היילן . . .
אבער טאג בײַ טאג האט זיך געצויגן
א שרענגגע וועגענער מיט טרונעס
דורכן גאנצן שטעטל — גלײַך צום צווינטער.
מיליטער־מוזיק האט נאר באליים זיי,
די געפאלענע — אז ווי די מאמעס, —
און די היטלען אויף די ווײַסע טרונעס.

צווישן בראכווארג, וואס מ׳האט אנגעהורבעט
אויף דער גאס — צעהאקטע טישן, שטענדערס,
שילבענק, פולע פאליצעס מיט ספרים —
זענען אויך געשטאנען מאדנע סלויעס
היפשע צענדליקער, אויף שמאלע פאכן,
אין א גאנצער וואנט ארײַנגעשטעלטע,
וואס מ׳האט נישט באוויזן צו צעהאקן,
צוגעמאכטע סלויעס מיט דארט עפעס . . .
אז מ׳איז נענטער צוגעגאנגען קוקן —
האט מען באלד דערזען — און זיך דערשראקן:
עקדישן און שלענגלעך, צי גאר שפינען,
און אזוינע שרצים און רמשים,
וואס מ׳האט ביז אצינדערט נישט געזען נאך
פון דער נאענט — און אלע ליגן דארטן
אין א פליסיקייט, אין שפירט מסתמא,
און אויף יעדן סלוי — א ציכטיק קוויטל,
ווי סע הייסט דאס חיהלע, וואס ליגט דארט.
(יארן שפעטער האב איך ערשט פארשטאנען,
און געוווען נתפעל און פארחידושט —

אז דער רבי ר' מנחם-נחום,
אז אן אייניקל מגזע-רוזשין,
האָט בסוד געלערנט ביאָלאָגיע.)

אינעם טאַטנס ז"ל צוויי שאַפֿעס ספֿרים
איז געווען אַ ספֿרל, אַ דינטשיקס,
„מן" — אַ פּירוש אויף מסכתא אָבֿות —
(מן — פֿון מנחם-נחום ראָשי-תּיבֿות).
נאָך אַ ספֿרל האָט זיך געפֿונען
אינעם טאַטנס שאַפֿעס צוויי מיט ספֿרים,
שמאָל און לענגלעכדיק, אויף בלאָע בלעטלעך —
און ווי נאָר סע קומט מיר אויפֿן זינען,
רײַסט זיך אין מיר אַפּ דאָס האַרץ פֿאַר ווייטיק,
ווײַל פֿון אָט דעם ספֿרל דער גורל
איז אַ משל אויפֿן פֿאָלק ישׂראל,
אויף זײַן גלות און די לייד אין גלות.

ס'איז געווען אַ נכ"ל פֿון תּיו-עין.
אין אַ פֿאַס פּאַמאַיעס בײַ אַ שוסטער
וואָס ער האָט געוווינט און האָט געשוסטערט
צוויי דרײַ טירן פֿונעם רבינס דירה —
האָט דער טאַטע עס געפֿונען שווימען;
אַ צעפֿליקטס, צעבראָקטס אויף לויזע בלעטלעך —
האָט ער זיי פֿון דאָרט אַרויסגענומען,
איטלעכס בלעטל אָפּגעשווענקט פֿון בלאָטע —
און זיי אויף דער זומערזון געטריקנט.
ער האָט אויסגעגלײַכט די מינדסטע קנייטשן
אויף די בלעטלעך, און האָט צוגעשריבן
וואָס די נעץ האָט אָפּגעמעקט, פֿאַרוואַשן.
וואָכן לאַנג האָט ער דערבײַ געאַרבעט
מיט אַ פען, וואָס קען נישט זײַן נאָך דינער,

און האָט אויסגעהיילט די גראָבע ריסן,
ממש אָפּגעקושט אַ ליאַדע שפּרענקל, —
זיך געפּאָרעט מיט דערמיט נישט אַנדערש
ווי מיט איינעם, וואָס מסוכּן־קראַנק איז —
און די בלעטלעך הייליקע דערמינטערט.

און דערנאָך האָט ער זיי אויסגעסדרט
ווי די „נבֿיאים" און די „כּתובֿים" גייען,
און אַוועק מיט זיי, ווי מיט אַן אוצר,
גלײַך צום שאָצער אײַנבינדער, ר' צאָלע,
האָט ער עס אים ציכטיק אײַנגעבונדן
אין אַ ליכטיק־רויטן לעדער־אײַנבונד,
און מ'האָט עס בײַ אונז געהאַלטן טײַער,
זיך דערין געשפּיגלט, און באַוויזן
אָט ווי עפּעס ניסימדיקס, נישט אַנדערש . . .

(נאָך אַ זאַך איז דאָ כּדאַי דערמאָנען:
אינעם נ"כל, פאַרן ספֿר־תּהילים,
האָט דער טאַטע ז"ל אַרײַנגעשריבן
דעם „יהי־רצון" פֿאַרן תּהילים־זאָגן . . .
נאָר מײַן ברודער מתּתי', זאָל לאַנג לעבן,
האָט שוין דעמאָלט־אַ געהאַט אַ טענה:
„ווי קומט דער יהי־רצון אין תּנ"ך גאָר?!
תּהילים־זאָגן איז אַן עסק פֿאַר זיך!" —
נאָר דער טאַטע ז"ל האָט אים געענטפֿערט
שטילערהייט, ווי ס'איז געווען זײַן דרך:
„קיינער האָט דיך נישט געפֿרעגט קיין דעה . . .")

שפּעטער מיט אַ צוויי, דרײַ צענדליק יאָרן
האָב איך אין אַ ~~אידיש~~ בלאַט געלייענט, ייִדיש
אַז ר' נחומקע האָט זיך גענומען
דאָרט, אין ווין, צו „פּסיכאָאַנאַליזע",

און אַז זיגמונד פֿרויד איז דאָרט זײַן לערער.
ער איז איינער אין אַ קלאַס מיט גויים,
און זיי קוקן — און מע ווינקט זיך איבער —
אויף זײַן מאָדנע רבישער הלבשה.

וויפֿל יאָרן איז שוין דאָ זינט דעמאָלט?
עט, ס׳איז נישט קיין גרויסע נפֿקא־מינה!
ערגעץ אין דער מיט — זינט יענע יאָרן —
האָט אַ וואָלקנבראָך די וועלט פֿאַרגאָסן, —
אַ פֿאַרפֿלייצעניש פֿון בלוט און פֿײַער
האָט מײַן פֿאָלק פֿאַרלענדט און אײַנגעשלונגען.
אַלע ביטערסטע קאָשמאַר־חלומות
זענען אויף דער וואָר פֿאַרבלייכט געוואָרן...
וואָס דער דײַטש האָט אונז געטאָן אין וואָרן
קען דער שלאָף, דער פֿינצטערסטער נישט מאָלן.

און ר׳ נחומקע מיט זײַנע ספֿרים,
און מײַן טאַטנס ספֿרים מיטן נ״כל,
און מיט לעבעדיקע יודן־עדות —
זענען אַלע אויפֿגעגאַן אין פֿלאַמען.
נישט קיין ביאָלאָגיע האָט געהאָלפֿן,
אויכעט נישט קיין „פּסיכאָאַנאַליזע“.
און דאָס אַלצדינג מישט זיך מיר אין מוח,
אַט ווי אין אַ הינערפּלעט, אַ וויסטן,
ווײַל איך האָב נאָך נישט דערצו קיין פּיתרון.

„מע לייענט דאָס בריוועלע ווי מע וויל"

אַ מאָל איז אַ זון אַוועק אין אַ ווײַטער מדינה,
זײַן מזל געפֿינען.

געזעגנט שוין, דאַכט זיך, געגנוגט אויף דער פּריזבע, דער האַרטער,
כּמעט בײַ דער מאַמעשי אונטערן פֿאַרטעך.

אין שטעטל איז באַלד שוין נישטאָ די הענט ווי אַהינטון —
איז קוקט ער, ווי ס'פֿליִען די פֿייגל, און רעדט צו די ווינטן.

שוין אַלע חבֿרים אַוועק, איז ווי וועט ער בלײַבן?
ער'ט איבערט אַוועק און וועט אָפּטע בריוולעך שרײַבן.

האָט ער אײַנגעפּאַקט עטלעכע העמדער, און זיך צעזעגנט:
„נו, זײַט מיר געזונט" — און אַוועקגעלאָזט זיך מיט די וועגן.

ער האָט אין דער ווײַטער מדינה אַ סך זיך געמאַטערט,
ווײַל וויפֿל ער האָט נישט פֿאַרדינט, האָט ער תּיכּף געפּטרט.

דאָס יקרות איז גרויס, די פֿאַרדינסטן, אָבער, אַלץ קליינע,
און ער האָט נישט פֿאַר וועמען צו קלאָגן, פֿאַר וועמען צו וויינען.

ביז איין מאָל האָט ער דערפֿילט, אַז ס'איז שוין באו מים,
און אַז ס'עט אים קיינער נישט העלפֿן, אַפֿילו ר'זאָל שרײַען.

איז גייט ער און קויפֿט זיך אַ בויגן פּאַפּיר און אַ פּענע,
און שרײַבט דעם טאַטן אַ בריוו, אַזוי גוט ווי ער קען נאָר.

„דו מיינסט, אַז כ'האָב דיך שוין פֿאַרגעסן, טאַטע געטרײַער,
ווײַל ס'גייט מיר בעסער ווי גוט אין דער מדינה, דער נײַער?

איז זײַ זשע מיר מוחל, דו מאַכסט אַ טעות, אַ גרויסן —
מע דאַרף מיך דאָ קיינער נישט האָבן, און כ'נעכטיק אין דרויסן

איך שרײַב דיר לכן, ווײַל כ'האָב נישט צו וועמען זיך ווענדן —
אַ טאַטן באַדאַרף מען דען בעטן, אַזוי ווי אַ פֿרעמדן?

א טאטע העלפֿט דאָך א קינד — טאָ העלף זשע מיר אויכעט —
איך בין אין דער פֿרעמד, און מיר עקן זיך באַלד שוין די פּוחות.

איך האָב נאָך דאָ, גלייב מיר, קיין איינציקן פֿריַינד דערוויַיל נישט —
איז בעט איך דיך, אי זאָלסט מיר העלפֿן און אי זאָלסט זיך איַילן.״

און חתמעט זיך אונטער: „פֿון מיר, דיַין זון, ממני —
איך וואָלט מיר אַליין געהאָלפֿן, נאָר גלייב מיר: איך קען נישט.״

— — — — — — — — — — — —

באַקומט דער טאַטע דעם בריוו אין היימישן שטעטל,
באַגעגנט ער זיַינס א פֿריַינטל און זאָגט אים און בעט אים:

„איך האָב נישט דיברילן . . . לייען איבער, וואָס שריַיבט
דאָ מיַין זון מיר.״

(דאָס פֿריַינטל געווען איז א מענטש, וואָס איז אייביק פֿאַראומערט,
און אייביק אין פּעס אויף דער וועלט, אויף אַלץ מיט אַן אַנדער:
נישטאָ גאָר קיין ליַיטישער מענטש — ס׳איז זשאַנדער און
באַנדער —)

איז גיט ער א כאַפּ דעם בריוו און הייבט אָן צו לייענען
מיט רוגזה און אויף א קול, ער וואַרפֿט ממש שטיינער:

דו מיינסט, אַז כ׳האָב דיך שוין פֿאַרגעסן, טאַטע געטריַיער,
וויַיל ס׳איז מיר דאָ בעסער ווי גוט אין דער מדינה, דער ניַיער? !!!

איז זיַי זשע מיר מוחל, דו מאַכסט א טעות, א גרויסן!!
מע דאַרף מיך דאָ קיינער נישט האָבן! און כ׳נעכטיק אין דרויסן!!!

איך שריַיב דיר לכן, וויַיל כ׳האָב נישט צו וועמען זיך ווענדען!!!
א טאַטן דאַרף מען דען בעטן, אַזוי ווי א פֿרעמדן?!!

א טאַטע דאַרף העלפֿן און העלפֿט!! טאָ העלף זשע מיר אויכעט!!!
א טאַטע גייט פֿאַר א קינד ביז די לעצטענע פּוחות!!!

איך האָב נאָך דאָ, גלייב מיר, קיין איינציקן פֿריַינד דערוויַיל נישט!!
איז בעט איך דיך, אי זאָלסט מיר העלפֿן און אי זאָלסט זיך איַילן!!!״

דער פֿאַטער הערט דאָס געבייזער, און טראַכט ביַי זיך: הער נאַר,
אַזוי קומט אַ קינד צון אַ טאַטן? מיט אַקסענע הערנער?

איך שיק אים דערפֿאַר נישט קיין גראַשן, ער מעג ביַי מיר וואַרטן.
צו מיר דאַרף מען רעדן מיט ווייכן און נישט מיט קיַין האַרטן.

באַהאַלטן דעם בריוו אין דער קעשענע, גייט ער זיך וויַיטער,
ביז ס'קומט אים אַקעגן אַ קרובֿ — סאַמעט און זיַידנס.

נו, שטעלט ער אים אָפּ: אַ גוט-העלף — און זאָגט אים מיט שטילן:
„וואָס שריַיבט דאָ מיַין זון, איך בעט דיך, איך האָב נישט
די ברילן . . .״

דער קרובֿ נעמט דעם בריוו, מיט אַ זיפֿץ אָפּרַיער:
„אַ זון זאָל געבעך באַדאַרפֿן אַזוי וויַיט פֿאַרפֿלְיען . . .״

ער הייבט אָן צו לייענען, אַזוי ווי אַ מענטש, וואָס בעט זיך,
ער טרענקט זיך, און ס'ראַטעוועט קיינער אים נישט מן-המצר.

„דו מיינסט, אַז כ'האָב דיך שוין פֿאַרגעסן, טאַטע געטריַיער,
וויַיל ס'גייט מיר דאָ בעסער ווי גוט אין דער מדינה, דער נײַער?

אוי, זיַי זשע מיר מוחל, דו מאַכסט אַ טעות, אַ גרויסן —
מע דאַרף מיך דאָ קיינער נישט האָבן און כ'נעכטיק אין דרויסן...
איך שריַיב דיר לכן, וויַיל כ'האָב נישט צו וועמען זיך ווענדן . . .
אַ טאַטן באַדאַרף מען דען בעטן, אַזוי ווי אַ פֿרעמדן?

אַ טאַטע העלפֿט דאָך, איז בעט איך דיך: העלף מיר אויבעט —
אַ טאַטע, אוי, גייט פֿאַר אַ קינד ביז די לעצטענע פּוחות.

איך האָב נאָך דאָ, גלייב מיר, קיין איינציקן פֿריַינד דערוויַיל
נישט . . .
איז בעט איך דיך, אי זאָלסט מיר העלפֿן און אי זאָלסט זיך
איַילן . . .״

דער פֿאַטער הערט זיך צו און ער ווערט נישט מיד הערן— — —
ער וויל עפּעס זאָגן און קען נישט — סע וואַרגן אים טרערן. . .

אַ נדר

כ'האָב געלייענט פאַר די פֿייגל מײַנס אַ ליד,
געטרילערט, געציקלט זיך, באַלד ווי זיי —
איז זענען זיי ראַפּטעם געוואָרן שטיל,
גענומען זיך שושקען — נאָר גיי פֿאַרשטיי.

בין איך צו די שטערן אַרויס האַלבע נאַכט,
און געלייענט זיי אַ ליד מײַנס קלאָר און הויך —
האָבן איינס ווי איינס זיך באַהאַלטן פֿאַר מיר
הינטער וואָלקנדלעך שניי און ליכטיקן רויך.

האָב איך מיר די פֿינגער צעקרישען געוואָלט:
וואָס שרײַבן זיי לידער — ווער דאַרף זיי, ווער?
נאָר קרישען פֿינגער איז נישט קיין געדאַנק —
האָב איך פּשוט אַ נדר געטון: נישט מער!

אַ נדר איז קיין געלעכטער נישט —
איך שטאַרק זיך, איך טרײַב פֿון זיך די מיד,
און איטלעכן טאָג באַנײַ איך אים
מיטן גאַנצן האַרץ, אין אַ שפּאָגל נײַ ליד.

ברויט מיט ברויט

ס׳איז שבת צו נאכטס, נאָך „גאָט פֿון אַבֿרהם״,
— „די וואָך זאָל אונדז קומען אָן צרות און נויט״ —
די מאַמע, עליה־השלום, זיך גרייט שוין
ראַשטשינען, פֿאַרקנעטן אַ מולטער ברויט.

אַזוי אויך דאַנערשטיק — חלות אויף שבת —
ווי נאָר סע פֿלעג זיך זעצן די זון.
דאָס גאַנצע לעבן אַזוי געפֿירט זיך,
און קיין מאָל נישט אָפּגעוויכט דערפֿון.

פֿאַראַן, קיין עין־הרע, אַ שטוב מיט מענטשן —
דער טאַטע, און זי, און קינדער אַכט.
דעם איינגעדעקטן טייג איז וואַרעם
און ס׳יערט אויף הייוון אַ גאַנצע נאַכט.

איז דער עלטסטער זון אַוועק אין מלחמה,
נאָר באַקן דאַרף מען — וואָס האָט עס דערצו?
דאָס חלהכל זיינס טראָג איך אָפּ יעדן פֿרייטיק —
„גיי, משהניו־טאַטע, דו ווייסט דאָך שוין וווּ. . .״

וואָס הייסט, צי איך וויים! צו דער בעדערקע גיי איך —
אַ וויסטע אַלמנה — איך זע זי נישט.
איך עפֿן די טיר און לייג די צדקה
אויפֿן ברעג פֿון אַ לאַנגן, ליידיקן טיש.

דער זון, דאַנקען גאָט, איז צוריקגעקומען —
אַ גאַנצער, אָן אַ מינדסטן מום,
דערנאָך אַוועק, מיט אַ צווייטן ברודער,
קיין נעוויאָרק, אין עטלעכע יאָר אַרום.

די מאַמע ט'נישט אויפגעהערט צדקה צו געבן,
און נישט נאָר דער בעדערקע, נאָר נאָך.
און אַז קינדער נאָך דרײַ צעשפּרייטן די פֿליגל,
ראַשטשינעט זי אַלץ נאָך צוויי מאָל אַ וואָך.

נישט געוועזן, חלילה, אין שטוב קיין דחקות,
און מ'האָט נישט געליטן קיין מאָל קיין נויט.
סע שטייען רייפֿן ברויט אין דער שאַפֿע,
נישט תמיד איז דאָ אָבער „עפּעס צום ברויט".

די מאַמע פֿאַרשטייט, אַז ס'איז דאָ שטילע טענות,
נאָר — „כ'האָב דען, און איך באַהאַלט פֿון אײַך?"
און מע גייט מיט אַ ביכל אַוועק אין דער לאַנקע,
חלילה נישט הונגעריק — אָדער צום טײַך.

בין איך איין מאָל געפֿאַלן אויף אַ המצאה —
אַ שטיקל הלצה, און מיט אַ געדאַנק:
און אַבי נאָר ס'איז מיר איין מאָל געראָטן,
איז פֿלעג עס שוין גיין, ווי זאָגט מען, אַ גאַנג.

כ'האָב אַרײַנגעבראָקט שטיקעלעך ברויט אין אַ בײַטל,
פֿירעקיקע שטיקלעך, איינס בײַ איינס —
געטון אַ בים ברויט, און גענומען אַ שטיקל
פֿונעם בײַטל אַרויס, ווי אַ סעודהלע, אַ קליינס.

די מאַמע פֿלעג קוקן און אַזש זיך פֿאַרקײַכן,
ווי איך, איר מיזיניק, עס ברויט מיט ברויט —

הײַנט ווייס איך אַפֿילו נײשט ווו ס'איז איר קבֿר,
און באַלד אַ יאָר פֿופֿציק, אַז זי איז טויט.

„די דרײַ מתּנות"

„די דרײַ מתּנות" פּרצעס
ט'מען אַנגענומען אין די הימלען נאָר לנוי,
פֿון שיינקייט וועגן.
קיין נוציקן באַטייט פֿאַרמאַגט עס נישט.

אוי, ווען מען קען מען פֿרעגן:
קען זײַן געדאַכט,
אַז אויכעט די קרבנות,
וואָס ס'האָט מײַן פֿאָלק געבראַכט
די לעצטע דורות, דור נאָך דור —
זיי זענען אויך „מתּנות",
„מתּנות" נאָר? . . .

סעפטעמבער-טאָג

דער זומער זומערט נאָך נישט אָפּ,
נאָר טראַכטעניש נעמען פּלאָגן:
מיט וואָס כ'האָב אָפּגעלעבט מײַן וועלט,
איז נאָר אַ בושה אויסצוזאָגן.

סוף זומער שטייט דער בוים פֿאַרקלערט
אין ליכט פון קאָסמישן לאַמטערן,
און זײַנע צווײַגן ציִען זיך
נאָכט אײַן, נאָכט אויס צום הימל שטערן.

געזען אַ מאָל אַ וואָלקנדל
אויף סטעזשקעס צווישן פֿעלדער קאָרן —
ווען כ'האָב געבלאָנדזשעט, זוכנדיק
דעם בוים, וואָס איז מײַן פֿרײַנד געוואָרן.

איצט שטייט דער בוים אין אַסיענליכט,
ר'איז צוגעטרויערט און אים מידיקט.
ער בעט זיך: וויג מיך, וויג מיך אײַן
מיט גוטע רייד און שטילע לידער.

דאָס ליד — אָן ווערטער מעג עס זײַן,
אַפֿילו אויכעט אָן אַ ניגון;
די גוטע רייד אין שטילסטער שטיל —
ווי שטיל געפֿאַכעניש פֿון פֿליגל.

דער בוים האָט מיך אַזוי פֿיל יאָר
געשפּײַזט מיט ווונדערלעכע פּירות —
איך רעד צון אים נאָר גוטע רייד,
און אים פֿאַרוויגן איז מיר גערן.

האָב איך דעם בוים שטיל אײַנגעוויגט
און אים אין שטוב אַרײַנגענומען —
ער זאָל נאָך לאַנגע שטילע יאָר
צו חלום אויף דער וואָר מיר קומען.

אין פֿאָלקסטאָן

שרײַב מיר אינעם ערשטן בריוול,
נישט פֿאַרצוקט, און קלאָר,
דאָס, וואָס דו האָסט מיר געשווירן:
זײַן מיט מיר אַ פּאָר.

און אין צווייטן בריוול שרײַב מיר
אָפֿנטלעך און ריין,
אַז דו האָסט גערעדט מיט יאַנדעס
און האָסט אַלץ געמיינט.

מאַמער, אָבער, גאָט זאָל היטן,
שרײַבסט מיר גאָרנישט נישט —
וועל איך אויסטרינקען אַ בעכער
סם מיט גאַל געמישט.

בײַ דער מילב

כ'האָב געלייענט דעם „שבֿט-מוסר" —
איז אַ מילב אַרויס פֿון אַ שפּאַלט
און האָט מיך אַוועקגעטראָגן
העט ווײַט צון אַ ברעג פֿון אַ וואַלד.

דער „שבֿט-מוסר" ט'געוואָרנט
מיט אייביקע קייטנשמיץ,
וואָס מע טוט דערמיט שמײַסן דעם רשע
נאָכן טויט, אין גיהנום-היץ.

ס'איז געווען אַן אָסיען-אָוונט,
די זון האָט זיך קאַלט געזעגנט —
און פֿון נאָענט האָט זיך דערטראָגן
אַ רײַסעניש פֿון קעץ.

זיי האָבן מסופּן געשריגן,
ווי מ'זאָל זיי שוין ברענען אַצינד
אין אייביקן קעצישן גיהנום —
פֿאַר זייערע קעצישע זינד.

כ'האָב געהאַלטן דאָס ספֿר אָפֿן,
נאָר כ'האָב עס אַזוי ווי פֿאַרמאַכט —
ס'האָט מיך ערגעץ אַוועקגעטראָגן,
און כ'האָב מיך גערן פֿאַרטראַכט — — —

— — — — — — — — — — — —

בײַ דער מילב אין שטוב איז מיר היימיש,
וואָס היימישער קען נישט זײַן —
זי גיט מיר גלײַך פֿון די ליפּן
צו פֿאַרזוכן איר היימישן ווײַן.

אַז מע קומט אַרײַן, איז ענגלעך —
סע דאַכט זיך אויס אַזוי,
ווי קען דען ענג זײַן דער מהלך
צווישן סוקעס צוויי אין אַ שטרוי?

איך האָב די מילב באַגעגנט
פֿאַר נאַכט, אויף אַ זײַטיקן וועג —
זי האָט מיר געוויזן איר דירה:
קום אַרײַן, קום אַרײַן, מע מעג.

נישט געהאַט קיין מחשבֿות־זרות,
כאָטש כ׳בין נישט געווען שוין קיין קינד,
נאָר אָפּזאָגן איר איר פֿאַרבעטוואָרט —
דאָס אַליין וואָלט געווען אַ זינד.

איך האָב זיך אײַנגעבויגן,
און באַלד זיך אויסגעגלײַכט.
איר זאָגט אַז אַ מילב איז אָרעם,
און איך זאָג אײַך, אַז זי איז רײַך.

זי האָט מיר פֿאַרויסגעטענצלט,
און איידל געקוקט צו מיר,
און איידער ס׳אַריבער אַ רגע —
געווען זענען מיר בײַ איר טיר.

אַ טיר ווי אַלע טירן,
און עפּעס אַנדערש פֿאַרט —
די טאַכטער פֿון דער שטילקייט
געוואַרט האָט אויף אונדז דאָרט.

ווי זי האָט אונדז דערזען נאָר,
ווי זי וואָלט אונדז דערקענט —
האָט זי צעשפּרייט די אָרעמס:
„נאָראָנים, וואָס איר זענט.

ווי לאַנג איז דער שיעור צו וואַרטן
אויף צוויי, דרײַ טראָפּנס פֿרייד?
איר מיינט, דער טאָג פֿאַרגייט נישט,
און אַז דער אָוונט שטייט?"

בײַ דער שטילער טיר איז געהאַנגען
אַזוינס און אַזוינס אַ לאָמטער —
דאָס האַרץ ווערט אויפֿגעמינטערט,
מע דאַרף שוין גאָרנישט מער.

אַ רעגן גענומען האָט טריפֿן,
אַ זומער־רעגנדל זיס —
איך האָב די שווערע טשאָבאָטעס
אַ שמיץ געטון פֿון די פֿיס.

נישט ווײַט איז געפֿאַלן אַ דונער,
נאָר כ'האָב זיך נישט געהיט —
מיר איז גאָר געלעגן אין זינען
אַ לאַנגסטיק וואונדערלעך ליד.

אַ ליד, וואָס אַלע קענען,
נאָר זינגען — שעמט מען זיך אַלץ.
די מילב האָט געגרייט אַ טישל
מיט קאָרנברויט און מיט זאַלץ.

זי האָט זיך ווי עפּעס פֿאַרענטפערט,
אַז זי האָט נישט מער אין הויז —
האָב איך זי איַינגענומען
און בין מיט לשון אַרויס:

„מע דאַרף נישט מער, געטרײַע.
פּאַטראַווועס מאַכן קראַנק;
אין בויך הייבט אָן צו גרימען,
נאָך איידער מע זאָגט: אַ דאַנק.״

דער היימישער אויוון ט׳געגליט נאָך,
וואָס פֿון דאָרט איז דאָס ברויט אַרויס,
און אַ היימישע גריל האָט געטשירפּעט
און פֿאַרקלונגען דאָס גאַנצע הויז.

כ׳האָב זיך צוגעזעצט לעבן טישל,
אויף אַ שטול פֿון אַ זעמדעלע שטויב,
און כ׳האָב דעם באַשאַפֿער פֿון מילבן
געגעבן אַ דאַנק און אַ לויב.

אַן עפּלבוים געדענקט זיך מיר

אַן עפּלבוים געדענקט זיך מיר,
וואָס כ׳האָב געגלוסט זײַן שאָטן —
זײַן אָנבליק טראָג איך נאָך אין זיך,
און כ׳בענק נאָך זײַן אָטעם.

ווער ווייסט, צי שטייט זײַן שטאָם נאָך דאָרט,
ווי איך פֿלעג אָפֿטלעך קומען —
אַז איך פֿאַרטראַכט זיך ווען אַהין,
הייבט אָן מײַן האַרץ צו ברומען;

צו ברומען און צו וואַרפֿן זיך,
אַט ווי אַ ים אין שטורעם —
דאָס האָט מיר אָפּגעטון דער בוים,
מיט עפּל אויף זײַן פֿורעם.

דאָס האָט מיר אָפּגעטון דער בוים
מיט זײַנע קאַרשנצווייטן.
אַ לעבן אָפּגעבענקט נאָך אים,
אַ לעבן אָפּגעליטן.

דער דונער האָט אים נישט פֿאַרוויסט,
דער בליץ האָט נישט פֿאַרלענדט אים —
ער ציטערט אַלץ נאָך ערגעץ ווײַט,
צו מיר אַ צוגעווענדטער.

די לאָנקע

קליין איז די לאָנקע און גאָרנישט צו קוקן,
נאָר זי פֿאַרוויגט דיך מיט אסתּרס תּמרוקים.

אסתּר המלכּה — ווי קומט זי אַהער גאָר?
ערגעץ פֿון פּערסישע טאָלן און בערגער.

ס'איז איר דערעסן געוואָרן דער האַרעם,
קומט זי צו דיר, ווו ס'איז היימיש און וואַרעם.

שׂימחות צעוואָרפֿענע — וויפֿל דער שיעור איז?
בעסער איז איר אין דײַן אָרעם עשירות.

נאָך די פֿאַרשײַטקייטן, נאָך די הוליאַנקעס
וויל זי פֿאַר היימישע לאָסקעס דיר דאַנקען.

היימישע לאָסקעס און שטילע דיבורים
און — נישט פֿאַרגעסן די מעשׂה פֿון פּורים.

די בין־מלכּה

אַ בין־מלכּה זשומעט מיך אייביק אַרום.
איך שרעק מיך פֿאַר איר נישט, כ׳אַנטלויף נישט.
דער בים אירער שאַט נישט. איך בעט זי נאָר: קום,
לאָמיר אויסמײַדן הינטערהויפֿן.

דו קלינגלסט מאָדנע, נאָר טוסט נישט קיין בייזס
און דײַן שיינקײַט איז ווײַט פֿון פוסטקײַט . . .
אַ ליאָדע בעל־שׂכל פֿאַרשטייט און ווייסט,
אַז ס׳אַ זכיה נאָך דיר צו גלוסטן.

ווייל דעם, וואָס הערט זיך אײַן אין דיר
און באַנעמט דײַן דינע שירה.
און געלויבט זאָל זיין דער, וואָס האָט דיך געפֿירט.
אין מײַן גאָרטן, כ׳זאָל הערן דײַן לירע.

פֿאַראַנען שוואָרציאַרן, ווער ווייסט זיי, ווער —
וואָס זיי ווילן דיך דערשטיקן אין שוואָרצן.
זאָל פֿינצטער זיי זײַן דאָס לעבן אויף דר׳ערד
און אַ ראַק זאָל פֿרעסן דאָס האַרץ זיי.

אין חלום

אין ערשטן עיגול פֿון מײַן חלום
האָב איך פֿאַרשיקט אויף וויסטע וויספּעס
מערדיירים, וואָס מיט גלאַטע צינגער,
וואָס נעמען גאָט זיך פֿאַר אַ שותּף
און הייסן, אים תּשבחות זינגען.

אין צווייטן עיגול פֿון מײַן חלום
וואָלט איך געלייענט די טויזנט ספֿרים
און ביכער, וואָס כ'האָב נישט באַוויזן
אין גילגול איצטיקן צו לייענען.
און אפֿשר וואָלט איך אויסגעבעטן
בײַם אייבערשטן אַ צווייטן גילגול,
אויף צו פֿאַרריכטן נאָך קילקולים,
וואָס איך וועל נאָך זיך איבערלאָזן.
כ'על אפֿשר בעטן צווײ גילגולים —
וועט מיר באַוויליקט ווערן איינער.

אין דריטן עיגול פֿון מײַן חלום
האָב איך געלייענט דעם זאַק מיט בלעטלעך,
די שיבֿרי־שיבֿרי־שיבֿרי־לידער,
וואָס שבתי פּערל האָט געלאָזן
אין זײַן עזבֿון — און דערצו נאָך
געבעטן מיך אין דער צוואה,
איך זאָל דערויף השגחה געבן,
און זען דערבערענגען צון אַ תּכלית.
(אוי, שבתי ידיד־נפֿש מײַנער,
האָסט נישט געהאַט קיין שום רחמנות
אויף דיר, און אויך אויף מיר — דײַן קומע.)

איך זיץ ביים זאַק מיט שיבֿרי־לידער
און כ׳קלויב צונויף אַ טיש מיט פּערל
און פּלערליי אבֿנים־טובֿות,
און כ׳גיב אַרויס אַ היפּשלעך ביכל,
וואָס רופֿט זיך פּשוט „שבתי פּערל״,
און איז לשם ולתפֿארת
פֿאַר אים — און אויך פֿאַר גאַנץ פּלל־יידיש.

(וואָס האָסטו זיי געשטופּט אין זעקלעך,
די בלעטלעך שיבֿרי־לידער דיינע,
און זיי אַ לעבן לאַנג געוואַרגן?
אויך דיך, מוז זיין, האָט אומגעטריבן
אַ מלאך־שד — האָסטו געשריבן,
אַבי זיך פֿון אים אָפּצוטשעפּען . . .)

אין פֿערטן עיגול פֿון מיין חלום
וואָלט איך אַראָפּגעוויינט דעם מילשטיין,
וואָס ליגט מיר אויפֿן האַרץ און שטיקט מיך
שוין לענגער גאָר ווי איך געדענק מיך.
מיר וואָלט זיך אָנגעהויבן דאַכטן,
אַז ס׳ווערט מיר אויף אַן אמת גרינגער —
און איך וואָלט אויסגעשטרעקט די אָרעמס,
דעם אייבערשטן אַ שבֿח צו זינגען.

אַ ספּרימל

ווי הייסט אַ ספּרל,
וואָס נישט אָן איינציקער מחבר האָט געשריבן,
ניין, נאָר עמעץ האָט צונויפֿגעקליבן
צווישן צוויי טעוועלעך
חיבורימלעך אַ מאָל אַ האַלבן טוץ, אַפֿילו מער,
זיי זאָלן דאָ אין איינעם וווינען,
און מע זאָל זיי בעסער קענען שוינען.

ווינען זיי זיך צווישן איינע טאָוולען
שטיל און אָרעמלעך.

איך קלער:
ווי הייסט אַ ספּרל אַזוינס?
אהאַ, איך ווייס עס שוין:
א ספּרימל . . .

זאָג, דו ביסט די שוועסטער מײַנע

זאָג, דו ביסט די שוועסטער מײַנע —
וועט מען מיך נישט ממית זײַן,
אַז כ׳וועל לויפֿן אַ פֿאַרשמאַכטער
גלײַך צו דיר אין שטוב אַרײַן.

כ׳וויל נישט קומען אין דער פֿינצטער,
ווען סע שלאָפֿט די גאַנצע וועלט —
כ׳טו נישט קיינעמען קיין עוולה,
כ׳גיי נישט גנבֿענען קיין געלט.

טרייבן מיך די ווילדע שטאָטלײַט
פֿון דײַן הויף און פֿון דײַן שוועל —
כאָטש זיי זעען, אַז די בענקשאַפֿט
מאַכט פון מיר אַ גיכן תל.

גיי, דערצייל זיי, וואָס ס׳איז בענקשאַפֿט,
אַז זיי ליגט אין זין נאָר איינס:
גוטע עסנס, רייַכע בעטן,
ביַיטלען געלט — און גאָרנישט מיין.

עט, צו וואָס דאָס האַרץ זיך עסן?
כ׳וועל אין חלום ווען אַוועק
צו דײַן טיר — און כ׳וועל פֿאַרשפּאַרן
אייביק ציטערן פֿון שרעק.

כ׳וועל דיך גנבֿענען, נישט אַנדערש,
כ׳וועל דיך כאַפּן אויף די הענט,
און אַנטלויפֿן דורך אַ פֿענצטער —
עלעהיי דאָס שטיבל ברענט.

פֿאַר דער טיר וועט שטיין אַ שיפֿל,
וואָס כ׳וועל האָבן צוגעגרייט,
און אַ ליכטיקדיקער זעגל,
ביז די הייכן אויסגעשפּרייט.

אין אַ גוטער, שטילער טונקל
פֿלנען מיר — די וועלט איז גרויס;
נאָר וווּהין דאָס שיפֿל טראָגט אונדז
זאָגן מיר נישט קיינעם אויס.

אָ, סוזאַנאַ

אָ, סוזאַנאַ, דאָנט יו קרײַ פֿאָר מי * —
דו ביסט עק די וועלטן, איך בין הי.

אָבער ווי סע קומט נאָר דער פֿאַרנאַכט,
פֿלי איך — און איך קוק נישט וואָס מע לאַכט —

איבער זיבן ימען גלײַך צו דיר
און איך שטעל זיך וואַרטן פֿאַר דײַן טיר.

דו דערפֿילסט, ווײַזט אויס, אַז איך בין דאָ,
ווײַל סע ווערט אַרום דײַן הײַזל בלאָ —

אין דער מיטן פֿינצטער בלאָע שײַן —
עפֿנסטו דאָס פֿענצטער, כ׳זאָל אַרײַן.

אין דער ווײַטנס זאָגן מײַנע פֿרײַנד,
אַז מע שרײַבט אַזוי שוין מער נישט הײַנט.

וועמען אַרט עס, וואָס זיי זאָגן דאָרט;
איך בין מיט דיר איצט אין שטילסטן אָרט —

ווו סע זעט און הערט אונדז קיינער נישט,
און ווו יעדע גרענעץ ווערט צענישט.

וואָס איך זאָג דיר דאָרט, איז שיין און ריין,
און דער קלוגער וועט אַ פֿײַג פֿאַרשטיין.

---

*) וויין נישט (בענק נישט) נאָך מיר.

איך נעם אַרײַן

איך נעם אַרײַן דײַן קאָפּ אין מײַנע הענט,
איך נעם דיך גאַנץ אַרײַן אין מײַנע אָרעמס.
סע לוינט נישט װײנען נאָך פֿאַרפֿלײצטע טעג
און נאָך אָװעקגעשװענקטע יאָרן.

די שיף, װאָס האָט אונדז ביז אַהער געבראַכט,
איז דאָ, נאָר זי איז װי פֿאַרשװוּמען.
כ'װאָלט אומגעקערט די יאָרן מיט די טעג,
װען כ'װאָלט געקענט צון איר דערקומען.

די שיף איז דאָ, מע קען פֿון װײַט זי זען —
אָט װיקט זי דאָך צון אונדז מיט אירע לענטעס.
די זעגלען אירע צײַגן אונדז צו זיך —
און זי'ט אונדז װײַזן װײַטע לענדער . . .

כ'האָב פֿאַרוואָרפֿן די נעץ

כ'האָב פֿאַרוואָרפֿן די נעץ אין אַ היימישן טײַך —
האָט אַ ווינט זײַנע כוואַליעס צעטראָגן.
בין איך זיצן געבליבן פֿאַרקאָוועט בײַם ברעג,
און געהערט דאָס האַרץ אין מיר קלאָגן.

אין טײַך איז געלעגן, געמיניעט פֿון ווײַט,
אַ טײַערע, ליכטיקע פּערל —
פֿון זינט איך געדענק זיך, בענק איך נאָך איר,
און כ'הער זי נישט אויף צו באַגערן.

סע טרעפֿט, איך צי אַרוים די נעץ —
איז זי פֿול מיט בלישטשיקע שטיינער.
די ווערבע, וואָס שטייט אַ פֿאַרטראַכטע בײַם ברעג,
פֿאַרברעכט אַזש די הענט, די שיינע.

ווי זאָל זי נישט ווײנען? נישט ווײַט, אין דער טיף,
דער דעמב ליגט אויסגעריסן.
איך שלעפּ אַרויס אַ צעפּליקטע נעץ,
פֿון שלאַנגענפֿיש צעביסן.

כ'בין צוגעשמידט צום ברעג, און איך הער
דער ווערבעס שטילע געוויינען.
די טיפֿעניש, ווי מיר, באַוויליקט מיר נישט
קיין שײַן פֿון אַ פּערלשטיינדל.

אַז אַן עופּעלע

אַז אַן עופּעלע דאַרף אַראָפּ אויף דער וועלט,
ווערט שטיל אין אַלע היכלות,
און גאָט אַליין גיט אַ שמייכל צו זיך
און צו זײַנע מלאָכים־חיילות.

נאָר אַ מאָל גייט אַ מענטש אַוועק פֿון דער וועלט —
ווערט דאָרט טומלדיק און אַ גערודער:
אָט גייט, אָט קומט אַ מענטש פֿון דער וועלט,
ווי אַ ברודער הרגעט אַ ברודער.

פֿרוג און איד

סאַראַ טרויערלידער פֿרוג האָט עס געזונגען!
סאַראַ שווערע צײַטן ס'איז געווען!
וויי און ווינד, ווי וואָלט שוין הײַנט זײַן ליד געקלונגען,
אונדזער גזר ווען ער וואָלט מיטגעזען.

פֿרוג האָט היים באַוויינט די אומגליקן, דעם ייִדנס;
הײַנט האָט אונדז פֿאַרפּלייצט אַ גיהנום־ים.
דעמאָלט האָט די רישעות אָנגעהויבן זיידן,
הײַנט זע'מיר די שפּײַז פֿון גאַזנפֿלאַם.

פֿרוג וואָלט הײַנט דעם שאַרבן זיך צעפּלעט אויף צווײַען,
צי אויף שטיקער וואָלט זײַן האַרץ געפּלאַצט.

— — — — — — — — — — — —

איך פֿאַרלידל אויך אַפֿילו טויטגעשרייען
און כ'דערלאַנג זיי אויף אַ גראַמענטאַץ.

ד.

דער טאָג, אַ בעכער זונוויַין *)

דער טאָג, אַ בעכער זונוויַין,
אַ בעכער פֿון קרישטאָל —
סע וויגט אים עמעץ ליכטיק
אין מולטערדיקן טאָל.

איך שטרעק נאָך אים די גלידער,
איך ווער אַ יונגער בוים —
מיט צייַטיקדיקן זונוויַין
איז אָנגעפּילט דער רוים.

איך מאַך אַ הויכע ברכה
און טרינק דעם כּוס, דעם טאָג —
די גאַנצע וועלט, די גאַנצע,
איז מייַנע, מייַן פֿאַרמאָג.

איך גיס מיט פֿולע בעכערס
צו זיך אין בלוט אַרייַן —
און כ'פֿאַל אַוועק, פֿאַרשיכּורט
פֿון זיסן זונליכט־וויַין.

---

*) אַכט לידער פֿונעם בוך „אַ סטעזשקע" (מאָנטרעאָל 1940). פּונקט ווי אין מייַן פֿריִערדיקער זאַמלונג, האָב איך אויך אַהער אַרויסגעראַטעוועט עטלעכע לידער פֿון מייַן גאָר ערשטן בוך, וואָס זיי האָבן זיך געבעטן, אַז איך זאָל זיי אַ ביסל צופֿאַרריכטן. מער וועל איך עס מסתּמא נישט טון. ס'איז אַ מעשׂה און אַ סוף.

פון דער היים אַ שרייַבן

אויפֿגעמאַכט דאָס פֿענצטער,
אויפֿגעמאַכט די טיר —
זאָג מיר, טאָג געגאַרטער,
זאָג, וואָס ברענגסטו מיר?

אויף דער שוועל אַ שרייַבן —
[redacted] סאַרא גוטער טאָג!
און דאָס האַרץ מייַנס שמייכלט:
וואָס זשע שטייט דאָרט, זאָג.

„מ'איז בקוו-הבריאות —
זאָגן מיר: תהילה לאל . . .״
וואָס זשע זיפֿצט דייַן לשון —
זאָג מיר, טאַטע, דערצייל.

כ'לייען די דינע שורות,
כ'קען דאָס דריבנע כּתבֿ:
„יעדער טאָג — מיט גזירות
ביתר זעם וזעף . . .״

האַרט פֿאַר מייַנע אויגן
טוט אַ שווערד אַ בלענד
און דאָס בריוול-טייַבל
צאַפּלט אין די הענט.

כ׳שטעך מיר אוים די אויגן,
כ׳רײַם פֿון מיר דאָס לײַב.
טראָפּנס בלוט און טרערן
זע איך אין געשרײַב.

אומעטוועלף צעשלעפּן
מײַן פֿאַר׳צער׳ט געביין,
און מײַן הארץ, צעשניטן,
וואַרפֿט זיך אין געוויין.

צוגעזאָגט

וואָס האָסטו, טײַכל, זיך אַזוי
באַהאַנגען מיט צווייט און מיט פּערל?
ווײַל הײַנט וועט זיך קומען טוקן אין מיר
אַ ליכטיקער שטערן.

וואָס חנדלען זיך דײַנע בלעטעלעך,
בעריאָזקעלע, ווי בלומען?
אַ שטערן האָט מיר צוגעזאָגט,
אַז הײַנט וועט ער קומען.

בלעטעלעך פֿון טימאָטיי

בלעטעלעך פֿון טימאָטיי,
אוי, ווי ס׳טוט דאָס האַרץ מיר וויי!
וואָס דאָס האַרץ טוט ווײ אַזוי?
פֿרעג פֿאַר טאָג אין פֿעלד דעם טוי.
ס׳איז דען טוי? ס׳איז מײַנע טרערן.
ערגעץ האָט אַ מאָל אַ שטערן.
אין אָן אָנהייב זומערנאַכט
מיר אין האַרץ אַרײַנגעלאַכט —
גלײַך צו מיר אין האַרץ אַרײַן,
מיט זײַן בלאָער שטערנשײַן.

בלעטעלעך פֿון טימאָטיי,
אוי, ווי ס׳טוט דאָס האַרץ מיר וויי!
שווערע בענקענישן יערן
טיף אין מיר נאָך יענעם שטערן,
וואָס האָט אין אַ זומערנאַכט
מיר אין האַרץ אַרײַנגעלאַכט —
גלײַך צו מיר אין האַרץ אַרײַן,
מיט זײַן בלאָער שטערנשײַן.

אויפֿן באַרג־אַראָפּ פֿון מײַן געמיט

אויפֿן באַרג־אַראָפּ פֿון מײַן געמיט
שטייט אַ חלום־ברונעם, און דער עמער
גיסט מיר אָן די לאָגלען פֿון מײַן ליד —
הארבן פֿון אַ קאַראַוואַן מיט קעמלען.

איז דאָס קוואַלן־וואַסער קיל און זיס
און געזילבערט ווי די שטערנשײַנען,
און דער עמער פֿונעם ברונעם גיסט
חלום אין די קאַראַוואַנען מײַנע.

נאָר ס׳באַפֿאַלט די מידבר זייער גאַנג —
מיט זאַווייען, מיט געוויכער־זאַמדן;
ביז סע קומט צו מיר אַ שלונג געטראַנק,
ליג איך שוין פֿאַרצערט פֿון מײַנע בראַנדן.

אָוונט אין וואַלד

(פֿראַגמענטן)

דאָס באַשעפֿעניש ווידמעט זיך, מערט זיך
אין קוסט, אין גראָז, אין מאָך.
פֿון אַלע ארומען דערטראָגט זיך
געצווירק און געזשום און געשאָרך.

דאָס קריכוואָרג אין די גראָזן
פֿאַרמאָגט אַ זשורזשען, אַ דינם —
אין גאַנס געבענטשטע וועלדער
איעדער געפֿינט זיין געפֿינס.

אין אַ שיפּל, אַ גינגאַלדנס,
מע הערט, מע זעט עס קוים,
שווימט אום אַ פּישטש פֿון אַ פֿויגל —
פֿון בוים צו בוים, צו בוים.

דער פֿויגל, מיינט איר, פּישטשעט?
דער פֿויגל שרייט: געוואַלד! . . .
די פּאָר, די באַשערטע, ענטפֿערט —
מע געפֿינט זיך אַזוי אין וואַלד.

אַז ערגעץ וויינט אַ גרעזל,
איז אים אין וועג אַ שטיין;
דער גאַנצער וואַלד פֿאַרגייט זיך
מיט זיין פֿאַרשטיקט געוויין.

אַ פֿעלדמויז גיט אַ קווימשל —
זי גייט, נעבעך שווער צו קינד;
פֿאַר וואָס זאָל אַ פֿעלדמויז ליידן
פֿאַר אָדם־טיט־חווהס זינד?

צי קושן זיך גראזן אין וואקסן ?
א ווינטל איז דא דערביי.
די נאכט האט אלע טעמים,
און שמעקט מיט צעבליטן מיי.

די זון

די זון וועקט מיט א קוש
די פייגעלעך אין די נעסטן,
דאס בערעלע אין דער נארע,
דאס וועווריקל אין בוים —
ביזן מינדסטן בריאהלע,
וואס מע זעט עס קוים.

די זון, די מאמע, זעט זיי —
ס'איז אירע קינדערלעך —
דאס כרישטשעלע, דאס גרעזל
דאס ווערעמל אין היי,
און אויך דאס שטילע ריטשקעלע,
דאס ליכטיקע ווי שניי.

און אויך דאס שטיק מצבה,
וואס הארט ביים פלויט געשטעלט,
ביים קבר פון א בעטלערל,
וואס האט פארשפילט זיין וועלט.

איך ציטער

איך ציטער
ווי אַ פֿאַרבלאָנדזשעטער אין אַ וואַלד אין מיטן נאַכט,
אין אַ וואַלקנבראָך.

שטורעמבייַטשן קאַטעוועז די ביימער־לייַבער.
בליצן האָבן אָנגעצונדן אַלע ראַנדן.
אַ בלוטנדיקער אָפּשייַן פֿאַלט אויף מיר.

דער ייאוש וואַרגט מיך ווי אַ שטריק.
די פֿינצטערניש
האָט געצנבילדער אינעם קדשי־קדשים צעשטעלט.

איך בלאָנקע אין אַ וואַלד, וואָס ברענט פֿון אַלע זייַטן.
די שׂריפֿה קומט אַלץ נענטער, זי גייט . . .
אָט אָט, און ס׳רינגלט מיך אַרום אַ פֿייַערקייט.

תוכן

א.

איטלעכס הארץ — 3
א זיבן־פֿליגלדיקער וואנדער — 4
כאָטש איך האַלט נאָך נישט דערביי — 4
ווער ס'האָט באַשאַפֿן — 6
לוי מיהלשטאַק — 6
ווער דאַרף מיך דאָ? — 9
ביים טאַטנס קבֿר — 10
אַן אַנדערער — 12
אַ, מוזע — 13
דער רעגן האָט שוין אָפּגערעגנט — 14
א מאָל, אוי, אַ מאָל — 15
איי, ווען כ'האָב אַ נתן העזתי — 18
צו דער מוזע — 20
דער הימל, אַ באַשריבענע יריעה — 20
איך טויג מיך נישט צו סוחרעריי — 23
פֿאַראַן נאָך — 26

ב.

כ'וואָלט וועלן, אַז די וועלט — 27
זייגערס — 28
די מומע העניע — 30
באַלאַדע פֿונעם בענטשערל — 33
אַז איך וועל אַוועק פֿון דער וועלט — 35
אומעט — 36
ריצפּה בת איה — 36
עמעץ איז ביי מיר געווען — 39
כ'האָב מורא פֿאַרן צוריסן טויט — 40
פֿויגל, פֿליסט דאָך — 41
אוי, ווי שווער איז — 43
פֿאַר מיינע אייניקלעך — 44
הכנסת־אורחים — 46
קאַרמען — 47

ג.

פֿריהאַרבסט אין דאָרף — 49
קאַשמאַר — 50
דאָרפֿישע לאַנדשאַפֿט — 51
נאָך אַן אײנציק בלימל — 52
סוף־כּל־סוף — 53
אַ חלום — 55
אַזוי װעט זײַן — 56
אין שלאָף — 57
אין אַ פֿרילינגטאָג — 58
איך זאָל נישט קײן ליגנער בלײַבן — 59
צו חלום — 61
אַ גאָט אַזאַ — 62
דער איצקאַנער רבי — 63
„מע לײענט דאָס בריװעלע װי מע װיל“ — 69
אַ נדר — 72
ברױט מיט ברױט — 73
„די דרײַ מתנות“ פּרצעס — 75
שפּעטזומער־טאָג — 76
אין פֿאָלקסטאָן — 77
בײַ דער מילב — 78
אַן עפּלבױם דערמאָנט זיך מיר — 82
די לאָנקע — 83
די בין־מלכּה — 84
אין חלום — 85
אַ ספֿרימל — 87
זאָג, דו ביסט אַ שװעסטער מײַנע — 87
אַ סונאָגאַ — 89
איך נעם אַרײַן — 90
כ׳האָב פֿאַרװאָרפֿן אַ נעץ — 91
אַז אַן עופֿעלע — 92
פֿרוג און איך — 92

דער טאָג, אַ בעכער זונווײַן — — — — — — — — — — — — — 93
פֿון דער היים אַ שרייבן — — — — — — — — — — — — — — 94
צוגעזאָגט — — — — — — — — — — — — — — — — 95
בלעטעלעך פֿון טימאָטיי — — — — — — — — — — — — — 96
אויפֿן באַרג־אַראָפּ פֿון מיין געמיט — — — — — — — — — — 97
אָוונט אין וואַלד — — — — — — — — — — — — — — — 98
די זון — — — — — — — — — — — — — — — — — 99
איך ציטער — — — — — — — — — — — — — — — — 100

גלאָסאַר

אבנים (אָוואָנים) טובות — **אידלשטיינער**

אַל תירא (טיראָ) — **האָב קיין מורא נישט (פון: אל תירא עבדי יעקב)**

אַל תפתח פה לשׂטן (אַל טיפֿטאַך פּע לעסאָטן) — **עפֿן נישט דעם שׂטן זײַן מויל**

אָרלאָגיסט — **זייגער־מאַכער**

אש־להבה (איש־לעהאָווע) — **פֿײַער און פֿלאַם**

באו (באָו) מים — **שוין געקומען דאָס וואַסער (ביז צום האַלדז)**

בוגד, בוגדים (בויגעד, באָגדים) — **פֿאַררעטער**

ביתר זעס וחעף (בעיעסער זאַאַם וואַזאַאַף) — **מיט מער רוגזה**

בסתר (בעסייסער) — **באַהאַלטענערהייט**

בקו־הבריאות (בעקאַוו־האַבריעס) — **אין גוטן געזונט**

היכל, היכלות (הייכל, הייכאָלעס) — פּאַלאַץ (דאָ: הימלישער פּ׳)
הכנסת (האַכנאָסעס)־אורחים — גאַסטפרײַנדלעכקייט

חומר (כוימער) — מאַטעריעלע זאַכן

יאַנדעס — ערלעכקייט
ידיד־נפש — האַרצפרײַנד
ירום הודו (יאָרום הוידוי) — זײַן פּראַכט זאָל דערהויבן ווערן (טיטל פאַר א מלך)

לכן (לאָכיין) — דערפאַר
לשם ולתפארת (לע׳שיים אולעסיפּערעס) — צו אַ גוטן נאָמען און צו שיינקייט

מאָן שער — מײַן טייערער (פראַנצייזיש)
מותר (מוטער) — ס׳איז מ׳ — מע מעג
מחשבה זרה (זאָרע) — זינדיקער געדאַנק

נכריה (נאָכרײַע) — איינע פון אַ פרעמד פאָלק
נתן העזתי (האַאַזאָסי) — שבתי צבים „נביא"

סאַנקט פראַנציסק (פון אַסיסי) — אַ מאָנאַך אין איטאַליע, אין מיטל־עלטער, באַוווּסט אויך פאַר זײַן ליבשאַפט צו חיות

עזבון (איזאָוון) — ליטעראַרישע ירושה

פיתרון (פּיסרען) — באַשייד
פענדריק — אַ ייִנגעלע, אַ שטיפער

קילקול (קילקל), קילקולים — דעפעקט; קאַליע געמאַכטע זאַך
קומע — פרײַנד
קנין (קיניען) — אייגנטום
קרילע — פליגל פון אַן עוף

שבח (שוואַך) — לויב
שיברי (שיווּרע) — צעבראָכענע שטיקער

תהילה לאל (לאָייל) — געלויבט צו גאָט
תור־עין — ה׳ת״ע, 1709
תמרוקים (טאַמרוקים) — פּאַרפומען
תשבחות (טישבאָכעס) — לויבגעזאַנגען

פֿונעם אייגענעם מחבר:

אַ סטעזשקע (לידער), מאָנטרעאָל, 1940
איך קום אַהיים (לידער), מאָנטרעאַל, 1963
אויף מײַן פֿידעלע ליד (לידער), מאָנטרעאַל, 1966
דער שטערן־וואָגן (לידער), מאָנטרעאָל, 1968
אַ רגע דאָכטעניש (לידער), מאָנטרעאָל, 1969
בורא־מיני־חלומות (לידער), מאָנטרעאַל, 1971
מיט דער לידער־טאָרבע (לידער), מאָנטרעאַל, 1973
אין מײַן געפֿאַלנקייט (לידער), ניו־יאָרק, 1975
מיט צוגענייגטע רייד (לידער), ניו־יאָרק, 1977
די פֿלייט פֿון מײַנע ביינער (לידער), מאָנטרעאָל, 1978
די ליפּן פֿון מײַן טרויער (לידער), מאָנטרעאַל, 1979